איוב

קאַפּיטעל א.

1 עס איז געווען אַ מאַן אין דעם לאַנד עוץ. איוב איז
געווען זיין נאָמען. און דער דאָזיגער מאַן איז געווען
ריין און עהרליך און גאָטספאָרכטיג און אָפּגעקעהרט
פון שלעכטס.
2 און ביי איהם זיינען געבאָרען געוואָרען זיבען זיהן
און דריי טעכטער.
3 און זיין פאַרמעגען איז געוועזען: זיבען טויזענד שעפּ־
סען און דריי טויזענד קעמלען און פינף הונדערט
געשפּאַן רינדער און פינף הונדערט עזעלינען און פיעל
באַדיענטע, און דער מאַן איז געווען רייכער פאַר אַלע
קינדער פון מאָרגענלאַנד.
4 און זיינע זיהן פלעגען געהן און מאַכען אַ מאָהלצייט, ביי
איטליכען אין זיין באַשטימטען טאָג, און זיי פלעגען
שיקען און רופען זייערע דריי שוועסטער, צו עסען
און צו טרינקען מיט זיי.
5 און עס פלעגט געשעהן, ווען עס האָבען זיך אַרומגע־
דרעהט די טעג פון דער מאָהלצייט, פלעגט איוב
שיקען און זיי איינלאַדען. און ער פלעגט אויפשטעהן
באַגינען, און פלעגט ברינגען בראַנד־אָפּפער — די

צאָהל פון זיי אַלעמען, ווייל איוב האָט געזאָגט: פיעללייכט האָבען מיינע קינדער געזינדיגט און געלעסטערט גאָט אין הערצען. אַזוי פלעגט איוב טהאָן אַלע צייטען.

6 און עס איז געקומען דער טאָג ווען די קינדער פון גאָט זיינען געקומען זיך שטעלען פאַר גאָט און דער שטן איז אויך געקומען צווישען זיי.

7 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: פון וואַנען קומסטו? און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט: פון שוועבען אויף דער ערד און פון וואַנדערען איבער איהר.

8 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: האָסטו געווענדעט דיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיין קנעכט איוב'ן? דען עס איז ניטאָ אויף דער ערד אַ מאַן אַזוי ווי ער ריין און עהרליך, גאָטספאָרכטיג און אָפּגעקעהרט פון שלעכטס.

9 און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט: אומזיסט דען האָט איוב מורא פאַר גאָט?

10 האָסט דו דען ניט אַרומגעצאַהמט איהם און זיין הויזגעזינד און אַלץ וואָס צו איהם געהערט? די אַרבייט פון זיינע הענד האָסטו געבענשט און זיין פיה איז פאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד.

11 שטרעק אָבער נאָר אויס דיין האַנד און ריהר אָן

עפּעס וואָס איהם געהערט, אויב ער וועט דיך ניט
לעסטערען אין דיין געזיכט אַריין.

12 און גאָט האָט געזאָגט צו דעם שטן: אָט האָסטו אַלץ
וואָס איהם געהערט אין דיין האַנד, נאָר צו איהם
אַליין שטרעק ניט אויס דיין האַנד. און דער שטן איז
אַוועקגעגאַנגען פון גאָט'ס געזיכט.

13 און עס איז געקומען דער טאָג ווען זיינע זיהן און
טעכטער האָבען געגעסען און האָבען געטרונקען
וויין אין דעם הויז פון זייער עלטעסטען ברודער.

14 און אַ שליח איז געקומען צו איוב'ן און האָט געזאָגט:
די רינדער האָבען געאַקערט און די עזעלינען האָבען
זיך געפּאַשעט נעבען זיי,

15 און (אַ באַנדע פון) שבא איז אָנגעפאַלען און האָט זיי
צוגענומען, און די יונגען האָבען זיי דערשלאָגען
מיט'ן שווערד, און איך אַליין נאָר בין אַנטרונען אום
דיר צו דערצייהלען.

16 דער רעדט נאָך און אַ'ן אַנדערער איז געקומען און
האָט געזאָגט: אַ פייער פון גאָט איז אַרונטערגע־
פאַלען פון הימעל און האָט אָנגעצונדען די שעפּסען
און די יונגען, און האָט זיי פאַרצעהרט, און איך
אַליין נאָר בין אַנטרונען אום דיר צו דערצייהלען.

17 דער רעדט נאָך און אַ'ן אַנדערער איז אָנגעקומען און
האָט געזאָגט: די כשדים האָבען זיך צוטהיילט אין

דריי פּאָלקען און זיינען בעפאַלען די קעמלען און
האָבען זיי צוגענומען, און די יונגען האָבען זיי דער־
שלאָגען מיט'ן שווערד, און איך אַליין נאָר בין אַנט־
רונען אום דיר צו דערציילען.

18 דער רעדט נאָך און אַ'ן אַנדערער איז אָנגעקומען און
האָט געזאָגט: דיינע זיהן און דיינע טעכטער האָבען
געגעסען און האָבען געטרונקען וויין אין דעם הויז
פון זייער עלטעסטען ברודער,

19 און מיט אַמאָל איז אַ גרויסער שטורעם־ווינד אָנגע־
קומען פון דער מדבר־זייט און האָט אַרומגעכאַפּט
די פיער ווינקלען פון דעם הויז און עס איז איינגע־
פאַלען אויף די יונגע לייט און זיי זיינען געשטאָרבען,
און איך אַליין נאָר האָב זיך גערעטעט אום דיר צו
דערציילען.

20 און איוב איז אויפגעשטאַנען און האָט איינגעריסען
זיין מאַנטעל און געפליקט זיין קאָפּ און איז געפאַלען
צו דער ערד און זיך געבוקט.

21 און ער האָט געזאָגט: נאַקעט בין איך אַרויס פון מיין
מוטער'ס לייב און נאַקעט וועל איך אַהין צוריק־
קעהרען, גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענו־
מען. געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט.

22 דאָך האָט איוב ניט געזינדיגט און דעם אַלמעכטיגען
קיין טאַדעל ניט געגעבען.

קאפיטעל ב.

1 און עס איז געקומען דער טאָג ווען די קינדער פון גאָט
זיינען געקומען זיך צו שטעלען פאַר גאָט, און דער
שטן איז אויך געקומען צווישען זיי, זיך שטעלען
פאַר גאָט.
2 און גאָט האָט געזאָגט צו דעם שטן: פון וואַנען
קומסטו? און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און
האָט געזאָגט: פון שוועבען אויף דער ערד און
פון וואַנדערען איבער איהר.
3 און גאָט האָט געזאָגט צו דעם שטן: האָסטו געלייגט
דיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיין קנעכט איוב'ן?
דען עס איז ניטאָ אויף דער ערד אַ מאַן אַזוי ווי ער,
ריין און עהרליך און גאָטספאָרכטיג און אָפגעקעהרט
פון שלעכטס. און ער האלט זיך נאָך אַלץ אָן זיין
פרומקייט, און דו האָסט מיך אָנגעהעצט איהם צו
פערניכטען אומזיסט.
4 און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט:
הויט פאַר הויט, און אַלץ וואָס אַ מענש פאַרמאָגט
וועט ער אַוועקגעבען פאַר זיין לעבען.
5 אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנד און ריהר אָן זיין
קערפער און זיין פלייש, אויב ער וועט דיך ניט לעס־
טערען אין דיין געזיכט אַריין.
6 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: אָט איז ער אין דיין
האַנד, נאָר היט זיין לעבען.

7 און דער שטן איז אַוועקגעגאַנגגען פון גאָט'ס געזיכט
און ער האָט איוב'ן געפּלאָגט מיט שלעכטע קרעץ
פון דער זויל פון זיין פוס ביז דעם שפּיץ פון זיין קאָפּ.
8 און ער האָט זיך גענומען אַ שערבעל אום זיך צו
קראַצען דערמיט און ער איז געזעסען אין אַש.
9 און זיין ווייב האָט צו איהם געזאָגט: האַלסט זיך נאָך
אַלץ אָן דיין פרומקייט? פלוך גאָט און שטאַרב.
10 און ער האָט צו איהר געזאָגט: אַזוי ווי איינע פון די
נידערטרעכטיגע רעדסט דו. דאָס גוטע זאָלען מיר
יאָ צונעהמען פון גאָט, און דאָס שלעכטע זאָלען מיר
ניט צונעהמען? און איוב האָט אַלץ ניט געזינדיגט
מיט זיינע ליפּען.
11 און עס האָבען געהערט די דריי גוטע פריינד איוב'ס
פון דעם אומגליק וואָס איז אויף איהם געקומען, און
זיי זיינען געקומען יעדער איינער פון זיין אָרט,
אליפז דער תימני, בלדד דער שוחי און צופר דער
נעמתי, און זיי האָבען זיך צונויפגעקליבען צו געהן
אום איהם צו באַדויערען און איהם צו טרייסטען.
12 און זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען פון דער
ווייטען און זיי האָבען איהם ניט דערקענט, און זיי
האָבען אויפגעהויבען זייערע שטימען און האָבען
געוויינט און איטליכער פון זיי האָט איינגעריסען
זיין מאַנטעל און זיי האָבען געוואָרפען אַש אויף
זייערע קעפּ קעגען הימעל.

13 און זיי זיינען מיט איהם געזעסען אויף דער ערד זיבען טעג און זיבען נעכט, קיינער ניט ריידענדיג אַ וואָרט צו איהם, דען זיי האָבען געזעהן אַז דער וועהטאָג איז זעהר גרויס.

קאַפּיטעל ג.

1 נאָך דעם האָט איוב אויפגעעפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען זיין טאָג.
2 און ער האָט אויסגערופען און האָט געזאָגט:
3 אונטערגעהן זאָל דער טאָג אין וועלכען איך בין געבאָרען געוואָרען, און די נאַכט וועלכע האָט אָנגעזאָגט: אַ מענליך קינד איז (אין מוטערלייב) געשאַפען געוואָרען.
4 פינסטערנים זאָל זיין יענער טאָג, גאָט פון אויבען זאָל זיך אויף איהם ניט נאָכפרעגען, קיין שימער זאָל אויף איהם ניט שיינען.
5 פאַרפלעקען זאָלען איהם פינסטערנים און דער שאָטען פון טויט, אַ וואָלקען זאָל רוהען אויף איהם, די הייך־כמארעס פון טאָג זאָלען איהם פילען מיט שרעק.
6 יענע נאַכט — אַ חשכ׳נים זאָל זי צונעהמען, זי זאָל זיך ניט פרייהען מיט די (איבריגע) טעג פון יאָהר, אין דער צאָהל פון מאָנאַטען זאָל זי ניט אַריינקומען.
7 דען די דאָזיגע נאַכט זאָל זיין אַ׳ן איינזאַמע, קיין פרייהליך געזאַנג זאָל אין איהר ניט אַריינקומען.

8 שילטען זאָלען זי די וואָס פלוכען דעם טאָג, די וועלכע
זיינען גרייט זייער קלאָג־ליעד אויפצוהויבען.

9 דונקעל ווערען זאָלען איהרע אבענד־שטערען, זי זאָל
האָפען אויף דאָס ליכט און עס זאָל ניט קומען, און
זי זאָל ניט אָנזעהן די אויגען־ברעמען פון דעם
מאָרגען.

10 ווייל זי האָט ניט פאַרשלאָסען די טהירען פון מיין
מוטער־ליב, און ניט פאַרבאָרגען ליידען פון מיינע
אויגען.

11 וואָרום בין איך ניט גליך פון געבערמוטער געשטאָר־
בען, וואָרום ניט אַרויס פון בויך און גליך פאַר־
גאַנגען ?

12 וואָרום האָבען מיך קניה אויפגענומען, וואָרום בריסט
פון וועלכע איך זאָל זויגען ?

13 איך וואָלט שוין געלעגען און שטיל געוועזען, איך
וואָלט שוין געשלאָפען און גערהאָט רוה —

14 מיט קיניגען און מיט ראַטהגעבער פון דער ערד,
וועלכע פאַרבויען פאַר זיך וויסטעניסען ;

15 אָדער מיט פירשטען וועלכע האָבען גאָלד און פילען
זייערע הייזער מיט זילבער אָן.

16 אָדער וואָרום בין איך ניט ווי אַ פאַרבאָרגענער מפיל
געוועזען ? ווי קינדער וועלכע האָבען דעם שיין ניט
געזעהן ?

17 דאָרט הערען אויף די פאַרדאָרבענע זיך צו רודערן און
דאָרטען רוהען די פאַרמאַטערטע.

18 דאָרט זיינען די געפאַנגענע פריי פון זאָרג, זיי הערען
ניט די שטים פון באַדריקער.

19 גרויס און קליין זיינען דאָרט פאַראַנען, און דער
קנעכט איז פריי פון זיין אויבערהאַרר.

20 וואָרום גיט ער ליכט צו דעם ליידענדען און לעבען —
צו די פאַרביטערטע ?

21 צו די וועלכע וואַרטען אויפ'ן טויט און ער קומט ניט
און צו די וועלכע זוכען איהם מעהר ווי פאַרבאָרגענע
שאַצען ?

22 צו די וועלכע טאַנצען פון פרייד און זיינען לוסטיג
ווען זיי געפינען אַ גרוב ?

23 צו דעם מאַן וואָס זיין וועג איז פאַרבאָרגען און גאָט
האָט פאַר איהם פאַרצאַהמט ?

24 דען איידער מיין ברויט קומט מיין קרעכץ, און גלייך
ווי וואַסער גיסען זיך מיינע קלאָגען.

25 דען דער שרעק פאַר וועלכען איך האָב זיך געשראָקען
איז אויף מיר געקומען, דאָס פאַר וואָס איך האָב
מורא געהאַט איז אויסגעגאַנגען צו מיר.

26 איך האָב ניט געהאַט קיין פרידען און קיין רוהיגקייט
און קיין אָפרוה, פאַרדרוס בלויז איז געקומען.

קאפּיטעל ד.

1 און געענטפערט האָט אליפז דער תימני און האָט
געזאָגט:
2 צו וויל דיר האָט פּרובירט עפּעס פאַסירען ווערסטו
אָפּהענדיג? ווער קען זיך דען צוריקהאַלטען פון
ווערטער (קעגען דיר)?
3 דו פלעגסט דאָך פיעלען מוסר זאָגען, און שלאַפע הענד
פלעגסטו שטאַרקען,
4 דעם שטרויכלענדען פלעגען אויפשטעלען דיינע רייד און
וואַנקענדע קניה פלעגסטו קרעפטיגען,
5 און איצט, ווען עס קומט צו דיר ווערסטו אָפּהענדיג?
עס גרייפט אָן דיך און דו ווערסט דערשראָקען?
6 איז דען ניט דיין גאָטספאָרכטיגקייט דיין צוטרוי, און
דיין פרומקייט — דיין האָפענונג?
7 דערמאָן זיך נאָר: ווער איז דער אונשולדיגער וואָס
איז פאַרלאָרען געגאַנגען? און וואו זיינען די עהר־
ליכע פאַרטיליגט געוואָרען?
8 איך האָב אָבער געזעהן, אַז יענע וועלכע אַקערען אונ־
רעכט און זעען שלעכטס, מוזען עס שניידען.
9 פון גאָט'ס הויך ווערען זיי פאַרניכטעט, און פון דעם
אָטהעם פון זיינע נאָזלעכער ווערען זיי פאַרלענדט.
10 דאָס ברילען פון דעם אַלטען לייב און די שטים פון
דעם יונגען לייב און די צייהנער פון די לייבעלעך
ווערען אָוועקגענומען.

11 דער לייב געהט אוים אָהן שפּייז און די קינדער פון דער לעווין ווערען צושפּרייט.

12 און צו מיר האָט זיך אַ וואָרט פער׳גנב׳עט, און מיין אויער האָט עפּעס פון איהם פאַרנומען.

13 אין די גדאַנקען פון באַנאַכטיגע זעהונגען, ווען עס פאַלט אַ שלומער אויף מענשען,

14 אַ שרעק האָט מיך באַנומען און אַ ציטערנים, און ס׳האָט אַלע מיינע ביינער צושווידערט.

15 און אַ גייסט איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיר, די האָר פון מיין לייב האָבען זיך אויפגעשטעלט.

16 ער איז געשטאַנען אָבער איך האָב זיין געזיכט ניט דערקענט, בלויז אַ געשטאַלט איז געוועזען פאַר מיינע אויגען. (צוערשט) אַ שטילקייט, און דאַן האָב איך אַ שטים געהערט:

17 קען אַ שטערבליכער זיין גערעכטער פון גאָט? קען דער מענש זיין ריינער פון זיין באַשעפער?

18 ער טרויט ניט זיינע לייב־קנעכט, און אין זיינע מלאכים געפינט ער פעהלערען —

19 טאָ ווי שוין אין די וואָס וואָהנען אין הייזער פון לעהם, וואָס זייער פונדאַמענט ליגט אין שטויב, און וואָס ווערען צוריבען פון מאָיל.

20 צווישען מאָרגען און אבענד ווערען זיי צודריקט, גאָר ניט באַמערקענדיג געהען זיי אונטער אויף אייביג.

21 זייער פאַרצוג איז פון זיי אוועקגענומען געוואָרען,
זיי שטאַרבען — און אָהן פערשטאַנד.

קאַפּיטעל ה.

1 רוף נאַר, איז דאָ (איינער) וואָס וועט דיך ענטפערען?
און צו וועמען פון די הייליגע וועסטו זיך ווענדען?
2 דען דעם נאַררען הרג'עט דער פאַרדרוס, און דעם
ניט־קלוגען טויטעט די אייפערזוכט.
3 איך האָב געזעהן דעם נאַררען איינגעוואָרצעלט און
דאָך האָב איך גלייך פאַרפלוכט זיין וואוהנונג.
4 זיינע קינדער וועלען ווייט זיין פון הילף, זיי וועלען
צודריקט ווערען פאַר דעם טהויער (פון דער שטאָדט)
און קיינער וועט זיי ניט רעטען.
5 זיינע תבואה וועט אויפעסען דער הונגעריגער, פון
צווישען די דערנער וועט ער זי אַרויסנעהמען, און
אַ רויבער־באַנדע וועט פאַרשלינגען זיין פאַרמעגען.
6 דען פון דער ערד קומט ניט אַרויס קיין באַטרוג, און
פון דעם באָדען שפּראָצט ניט קיין אונרעכט.
7 דער מענש איז צו ליידען געבאָרען אַזוי ווי פונקען
צו פליהען אין דער הויך.
8 אָבער איך זוך בלויז גאָט און צו דעם אַלמעכטיגען
ווענד איך מיינע רייד.
9 ער טהוט זאַכען גרויסע, גאַר ניט צו דערפאָרשען, און
וואונדער אָהן אַ צאָהל.

10 ער שענקט דעם רעגען אויף דער ערד און שיקט דאָס וואַסער אַראָפּ אויף די פעלדער,

11 אום אויפצוהויבען די דערנידערטע, אום די פאַרפינס־טערטע זאָלען דערהויכט ווערען מיט זיין הילף.

12 ער צושטערט די פּלענער פון די איבערשפּיצטע אום זייערע הענד זאָלען ניט מאַכען קיין ערפאָלג.

13 ער פאַנגט די קלוגע אין זייער (אייגענער) פאַרשפּיצט־קייט, און דער ראַטה פון די פאַרדאָרבענע (ווייזט זיך אַרויס) איבעראיילט.

14 ביי טאָג באַגעגענען זיי פינסטערנים, אין מיטען טאָג טאַפּען זיי ווי ביי נאַכט.

15 ער ראַטעוועט פון דעם שווערד — פון זייער מויל, און דעם נויטהבאַדירפטיגען פון דעם שטאַרקען׳ס האַנד.

16 און האָפענונג קומט צו דעם אָרעמאַן און אונגערעכ־טיגקייט שליסט צו איהר מויל.

17 יא, גליקליך איז דער מאַן וואָס גאָט ווארענט איהם; די שטראָף פון דעם אַלמעכטיגען זאָלסטו ניט פאַר־אַכטען.

18 דען ער פאַרוואונדעט און פאַרבינדט, ער שלאָגט און זיינע הענד פאַרהיילען.

19 פון זעקס אונגליקען וועט ער דיך אַרויסראַטעווען און פון זיבען וועט דיך קיין בייז ניט טרעפען.

20 אין הונגערנויטה לייזט ער דיך אויס פון טויט און אין שלאַכט־פעלד — פון דעם שווערד.

21 פון דער צונג׳ס בייטש וועסטו זיין פאַרבאָרגען און דו וועסט זיך ניט שרעקען פאַר׳ן אונגליק ווען עס וועט קומען.

22 פון אונגליק און פון הונגער וועסטו זיך אויסלאַכען, און וועסט ניט מורא האָבען פאַר די טהיערען פון דער ערד.

23 דען מיט די שטיינער פון פעלד איז דיין בונד געמאַכט, און די טהיערען פון פעלד האָבען פרידען געשלאָסען מיט דיר.

24 און דו וועסט וויסען אַז רוהיג איז דיין געצעלט, דו וועסט באַזוכען דיין וואָוהנונג און קיין זאַך וועט ניט פעהלען.

25 און דו וועסט וויסען אַז דיין זאָמען האָט זיך פאַר־מעהרט און דיינע שפּראָצונגען אַזוי ווי די גראָז פון דער ערד.

26 אין אַ פולען עלטער וועסטו קומען צו דער גרוב אַזוי ווי דער תבואה־הויפען ווערט איינגעזאַמעלט ווען זיין צייט קומט.

27 אָט דאָס האָבען מיר אויסגעפאָרשט. אַזוי איז עס. הער עס און פערשטעה עס.

קאַפיטעל ו.

1 און געענטפערט האָט איוב און געזאָגט:

2 ווען מיין שמערץ זאָל געוואויגען ווערען, און מען זאָל
אויפהויבען אין אַ וואָגשאָל מיין גאַנצען בראָך —

3 שווערער ווי זאַמד פון מעער וואָלט ער דאַן געווען;
דאַריבער זיינען מיינע ווערטער צומישט.

4 דען די פיילען פון דעם אַלמעכטיגען שטעקען אין מיר,
און מיין גייסט טרינקט זייער גיפט. די שרעקען פון
גאָט רייהען זיך (אין קאַמפף) אַקעגען מיר.

5 הירזשעט דער ווילדער עזעל אויפ'ן גראָז? רעוועט דער
אָקס איבער זיין שפייז-געמיש?

6 ווערט אונגעווירצטע שפייז געגעסען אָהן זאַלץ? איז
דאָ אַ געשמאַק אין קלעפיגען שפייעכטס? —

7 (זאַכען) וואָס מיין זעעלע האָט זיך געווייגערט אַנצו־
ריהרען, זיי זיינען איצט מיין עקעלהאַפטע שפייז. —

8 אָ, ווען מיין פאַרלאַנג זאָל אָנקומען, ווען גאָט זאָל
שענקען מיין האָפנונג;

9 און דער אַלמעכטיגער זאָל איינוויליגען און מיך צו־
דריקען, ער זאָל לויז לאָזען זיין האַנד און מיך דער־
ענדיגען!

10 דאָס וואָלט נאָך פאַר מיך אַ טרייסט געווען, איך וואָלט
זיך מיט דעם וועהטאָג געפרעהט; ער זאָל גאָר קיין
מיטלייד ניט האָבען! — איך האָב דאָך אין די ווער־
טער פון דעם הייליגען ניט געלייקענט.

11 וואָס איז מיין קראַפט איך זאָל האָפען? וואָס וועט
מיין ענד זיין, איך זאָל מיין געדולד פערלענגערען?
12 איז מיין קראַפט די קראַפט פון שטיינער? איז מיין
פלייש פון קופער?
13 יא, קיין הילף איז מעהר פאַר מיך ניטאָ, און יעדער
ראַטה פערשטויסען איז פון מיר.
14 דעם ליידענדען דאַרף זיין גוטער פריינד מיטלייד
שענקען, ע ר אָבער פערלאָזט די גאָטספאָרכטיגקייט.
15 מיינע ברידער האָבען געפעלשט ווי דער טייך, זיי
זיינען אַוועק אַזוי ווי דער שטראָם פון די פלוסען,
16 וואָס ווערען פאַרדונקעלט פון דעם אייז און זייער
אויבערדעק ווערט פאַרבאָרגען פון שנעע.
17 ווען זיי ווערען צואוואָרעמט ווערען זיי פאַרשוואונ־
דען, פון דער היץ רוקען זיי זיך אַוועק פון זייער
פּלאַטץ.
18 עס דרעהען זיך די וועגען פון זייער וואַנדערונג, זיי
פאַרגעהען אין דער וויסטע און ווערען פאַרלאָרען.
19 די קאַראַוואַנען פון תימא האָבען אויסגעקוקט, די
מחנות פון שבא האָבען אויף זיי געהאָפט.
20 זיי האָבען זיך געשעמט וואָס זיי האָבען צוטרוי גע־
האַט, זיי זיינען געקומען אַהינצו און זיינען געוואָרען
צו שאַנד.
21 אַזוי זייט איהר איצט געוואָרען, איהר האָט דערזעהן
דעם בראָך און האָט זיך דערשראָקען.

22 האָב איך דען געזאָגט: גיט מיר (עפּעס)? שענקט
פון מיינעטוועגען פון אייער פאַרמעגען?
23 און ראַטעוועט מיך פון דעם פיינד'ס האַנד, און לייזט
מיך אויס פון דער האַנד פון טיראַנען?
24 לערענט מיך און איך וועל שווייגען, און וואָס איך
האָב פאַרזעהן גיט מיר צו פאַרשטעהן.
25 ווי שטאַרק זיינען די ווערטער פון וואהרהייט! —
אָבער וואָס באַווייזען א י י ע ר ע טענות?
26 רעכענט איהר ווערטער פאַר אַ בעווייז, און די רייד
פון דעם פאַרצווייפעלטען (האלט איהר בלויז) פאַר
ווינד?
27 איהר וואָלט אויף אַ יתום (אַ'ן אומגליק) אַרויפוואַר־
פען, אייערע פריינד וואָלט איהר אונטערגעגראָבען.
28 און איצטער באַוויליגט מיך און ווענדט זיך צו מיר:
זאָג איך אייך אין אייער געזיכט ליגען?
29 איבערלעגט זיך, לאָזט קיין אונרעכט ניט געשעהן,
איבערלעגט זיך ווידער. דערינען ליגט מיין אונשולד.
30 איז אַ'ן אונגערעכטיגקייט פאַראַן אויף מיין צונג?
אָדער פאַרשטעהט מיין גומען ניט וואָס פאַרברעכען
איז?

קאַפּיטעל ז.

1 איז דען ניט אַ געוויסער טערמין (פון אָפּקומעניסען)
באַשטימט פאַר דעם מענשען אויף דער ערד? זיינען

ניט זיינע טעג ווי די טעג פון דעם געדונגענעם
אַרבייטער?

2 אַזוי ווי אַ קנעכט שמאַכט נאָך דעם שאָטען, אַזוי ווי אַ
געדונגענער אַרבייטער קוקט אויס אויף זיין לויהן—

3 אַזוי האָב איך מיר אויך געקריגען צוגעטהיילט מאָנאַ־
טען פון ליידען און נעכט פון אומרוה זיינען מיר
צוגעצייהלט געוואָרען.

4 ווען איך לייג זיך, זאָג איך: ווען וועל איך שוין אויפ־
שטעהן? ווען וועט דער אבענד אַוועק? און איך
ווער מיד זיך וואַרפענדיג הין און הער ביז באַגינען.

5 מיין פלייש איז באַדעקט מיט ווערעם און מיט שטיקער
ערד, מיין הויט איז צופּלאַצט און איז עקעלהאַפט
געוואָרען.

6 מיינע טעג לויפען פלינקער ווי אַ וועב־שיפעלע, און
זיי פאַרגעהען אָהן האָפענונג.

7 געדענק, בלויז אַ הויך איז מיין לעבען, מיין אויג וועט
שוין ווידער קיין גוטס ניט זעהן.

8 דאָס אויג פון דעם וואָס זעהט מיך איצט וועט מיך ניט
אָנזעהן מעהר, אַט זיינען דיינע אויגען אויף מיר און
שוין בין איך ניטאָ.

9 אַ וואָלקען פאַרשווינדט און צערגעהט; אַזוי דער וואָס
שטייגט אין די אונטערערד דער וועט שוין מעהר
ניט אַרויפקומען.

10 ער וועט זיך ניט מעהר צוריקקעהרען צו זיין הויז,
זיין פּלאַטץ וועט איהם מעהר ניט קענען.
11 איך וועל אויך ניט איינהאַלטען מיין מויל, איך וועל
ריידען ווען מיין געמיטה איז באַקלעמט, איך וועל
זיך באַקלאָגען ווען מיין זעעל איז פאַרביטערט.
12 בין איך דען א ים אָדער אַ וואַהלפיש, וואָס דו שטעלסט
אַ וואַך אַרום מיר?
13 איך האָב געזאָגט: מיין בעט וועט מיך טרייסטען,
מיין געלעגער וועט מיך העלפען טראָגען מיין קלאָג.
14 האָסטו מיך אָבער מיט טרוימען געשראָקען, מיט
זעהונגען האָסטו מיך געסטראַשעט.
15 און מיין זעעל קלייבט בעסער אוים דערווערגונג און
טויט, איידער די (לעבעדיגע) גליעדער מיינע.
16 עס האָט מיך פאַרעקעלט. איך וועל דאָך אייביג ניט
לעבען, לאָז מיך אָפּ! מיינע טעג זיינען דאָך אַ
גאָרנישט.
17 וואָס איז דער מענש וואָס דו גרויסט איהם אַזוי?
וואָס דו לייגסט אויף איהם דיין אויפמערקזאַמקייט?
18 אין יעדען מאָרגען באַזוכסטו איהם, און פּרובירסט
איהם אַלע ווייל?
19 ווי לאַנג נאָך וועסטו זיך פון מיר ניט אָפּקעהרען,
מיך ניט אָפּלאָזען (כאָטש) ביז איך וועל מיין שפּייעכץ
אַרונטערשלינגען?
20 יא איך האָב געזינדיגט! וואָס זאָל איך דיר דען טהאָן?

דו וועכטער פון דעם מענשען ! ווארום האָסטו מיך
געמאַכט פאַר דיין ציעל, ביז איך בין זיך אַליין צו
לאַסט געוואָרען ?

21 ווארום פערגיסט דו ניט מיין פאַרברעך, און פאַרטי־
ליגסט ניט מיין זינד ? דען באַלד וועל איך ליגען אין
שטויב, און דו וועסט מיך זוכען און איך וועל מעהר
ניט זיין ?

קאַפּיטעל ח.

1 און געענטפערט האָט בלדד דער שוחי און האָט
געזאָגט :

2 ווי לאַנג נאָך וועסטו ריידען די דאָזיגע (רייד), און ווי
אַ שטאַרקער ווינד (וועלען זיין) די ווערטער פון דיין
מויל ?

3 וועט דען גאָט פאַרדרעהען דאָס אורטהייל ? וועט דען
דער אַלמעכטיגער פאַרקרימען די גערעכטיגקייט ?

4 ווייל דיינע קינדער האָבען געזינדיגט קעגען איהם,
האָט ער זיי אַוועקגעשיקט צוליעב זייער פאַרברעך.

5 אויב דו וועסט אויפזוכען גאָט און וועסט פאַר דעם
אַלמעכטיגען זיך בעטען,

6 אויב דו ביסט ריין און עהרליך, דאַן וועט ער וואַכען
איבער דיר און ער וועט ווידער גאַנץ מאַכען דיין
פרומע וואָוהנונג.

7 און דיין אָנהויב וועט זיין קליין (אין פערגלייך), דען
דיין ענד וועט זיין זעהר גרויס.

8 פרעג זיך נאָך ביי אַ פריהערדיגען דור, לעג צו (דיין זינען) צו די אויספאָרשונג פון זייערע עלטערען.

9 דען מיר זיינען פון נעכטען בלויז און מיר ווייסען ניט. אונזערע טעג אויף דער ערד זיינען ווי אַ שאָטען נאָר.

10 אָט זיי וועלען דיר לערנען; זיי וועלען דיר זאָגען און פון זייער הערצען וועלען זיי ווערטער אַרויס־ברינגען.

11 וועט דען דער וואַסער־ראָהר זיך אויפהויבען וואו ס'איז קיין זומפּ ניטאָ? וועט דען די לאָנקע וואַקסען אָהן וואַסער?

12 זי איז נאָך אין איהר גרינקייט און נאָך ניט אַרונטער־געהאַקט און דאָך ווערט זי פאַרוועלקט איידער אַלע אַנדערע גראָזען.

13 אַזוי זיינען די וועגען פון די וועלכע פאַרגעסען אָן גאָט, און די האָפענונג פון דעם פאַלשען וועט אונטערגעהן.

14 זיין ערוואַרטונג ווערט אָפּגעשניטען און זיין זיכער־קייט — אַזוי ווי שפּינוועבס.

15 ער לעהנט זיך אָן זיין הויז אָבער ער שטעהט ניט איין, האַלט זיך אָן, אָן איהם, אָבער עס קען זיך ניט אויפהאַלטען.

16 זאַפטיג שטעהט ער פאַר דער זונן און די יונגע צווייגען זיינע שפּרייטען זיך איבער'ן גאָרטען.

17 זיינע וואָרצלען פלעכטען זיך נעבען וואַסער און מיט
אַ מויער פון שטיין גרענעצט ער זיך.
18 אָבער ווען מע רייסט איהם אַרויס פון זיין אָרט ווערט
עס איהם פאַרלייקענען: איך האָב דיך (קיינמאָל)
ניט געזעהן.
19 אָט דאָס איז די פרייד פון זיין וועג. און פון דער
(זעלביגער) ערד וועלען אַנדערע אַרויסשפּראָצען.
20 גאָט פאַראַכטעט ניט דעם אונשולדיגען און שטיצט
ניט די האַנד פון די וואָס טהוען שלעכטס.
21 ער וועט נאָך אָנפילען דיין מויל מיט געלעכטער
און דיינע ליפּען — מיט פרייד־געשריי.
22 דיינע פיינד וועלען מיט שאַנד זיך באַקליידען און דאָס
געצעלט פון די שלעכטע וועט ניט מעהר זיין.

קאַפּיטעל ט.

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:
2 יאָ, איך ווייס אז עס איז אַזוי. און ווי קען אַ מענש
גערעכט זיין קעגען גאָט?
3 ווען ער זאָל וועלען זיך קריעגען מיט איהם, וואָלט ער
איהם ניט געקענט ענטפערען איינס פון טויזענד.
4 קלוג הערציג (איז ער) און שטאַרק אין קראַפט. ווער האָט
זיך איינגעשפּאַרט קעגען איהם און איז געבליבען
גאַנץ?
5 ער רוקט איבער בערג (פון זייער פּלאַטץ) און זיי

ווייסען ניט, ער (איז דער וועלכער) קעהרט זיי אום
קאפויר אין זיין צארען.
6 ער שאקעלט די ערד ארויס פון איהר ארט און איהרע
זיילען ווערען צוטרייסעלט.
7 ער זאגט נאר צו דער זונן, און זי שיינט ניט, און אויף
די שטערען לעגט ער א זיגעל.
8 ער האט די הימלען אויסגעצויגען איינער אליין און
ער טראמפעלט אויף די הויכקייטען פון ים.
9 ער האט באשאפען די שטערען פון בער, דעם אריאן
און די זיבען גרויסע שטערען און די קאמערען פון
דרום.
10 ער טהוט זאכען גרויסע, גאר ניט צו דערפארשען,
און וואונדער — אהן א צאהל.
11 דאכט זיך ער געהט מיך פארביי, דאך זעה איך איהם
ניט; ער געהט דורך און איך באמערק איהם ניט.
12 ווען ער כאפט אוועק, ווער וועט איהם אפהאלטען?
ווער וועט איהם זאגען: וואס טהוסטו?
13 גאט ציהט ניט צוריק זיין צארען. אונטער איהם ביי־
גען זיך די העלפערס פון דעם שטאלצען.
14 און איך זאל איהם ענטפערען? און אויסקלייבען מיינע
ווערטער קעגען איהם?
15 ווען איך זאל אפילו גערעכט זיין, קען איך ניט ענט־
פערען. איך קען זיך בלויז בעטען פאר מיין ריכטער.
16 ווען איך זאל רופען און ער זאל מיר אפענטפערען,

וואָלט איך אויך ניט געגלויבט אַז ער פאַרנעהמט
מיין שטים.
17 ער, וועלכער צושמעטערט מיך מיט זיין שטורעמ־
ווינד און האָט געמעהרט מיינע וואונדען אומזיסט.
18 ער לאָזט מיך ניט מיין אָטהעם אָפציהען, דען ער
פילט מיך אָן מיט ביטערקייטען.
19 קומט עס צו קראַפט, איז ער מעכטיג. קומט עס צו
געריכט, ווער וועט איהם פאַר מיך געהן לאָדען?
20 ווען איך זאָל אפילו גערעכט זיין, וועט מיך מיין
אייגען מויל באַשולדיגען, ווען איך זאָל זיין אונשול־
דיג וועט ער מיך אַלס פאַרדאָרבען אַרויסשטעלען.
21 בין איך אונשולדיג? איך וויים אַליין ניט מיין אייגענע
זעעלע. איך פאַראַכט מיין אייגען לעבען. —
22 עס איז אַלץ איינס. דאַריבער האָב איך געזאָגט: אי
דעם אונשולדיגען אי דעם פאַרדאָרבענעם פאַרניכ־
טעט ער.
23 ווען די רוטה טוידט פלוצלונג (עמיצען) דאַן לאַכט
זי פון די פייניגונגען פון די אונשולדיגע.
24 די ערד איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די האַנד פון
דעם שלעכטען. די געזיכטער פון די ריכטער האָט ער
פאַרדעקט. אויב ניט (ער), ווער דען איז עס? —
25 און מיינע טעג זיינען פלינקער ווי אַ שטאַפעט, זיי
זיינען אַנטלאָפען און האָבען קיין גוטס ניט געזעהן.
26 זיי זיינען פאַרשוואונדען ווי שיפלעך פון ריטער, ווי

דער אַדלער װעלכער פלאַטערט אַרונטער אויף (זיין) שפּייז.

27 זאָל איך זאָגען: איך װעל פאַרגעסען מיין קלאָג, איך װעל אַװעקװאַרפען מיין טרויער־געזיכט און װעל מונטער זיין —

28 האָב איך מורא פאַר מיינע װעהטאָגען, איך װייס אַז דו װעסט מיך ריין ניט אַרויסלאָזען.

29 איך װעל בלייבען דער שולדיגער. צו װאָס דען זאָל איך זיך מיהען פאַר גאָרנישט?

30 װען איך זאָל זיך האָבען געװאַשען אין שניי־װאַסער און האָבען גערייניגט מיינע הענד מיט לויג —

31 װאָלסטו מיך אין אַ זומפּיגען גראָבען איינטונקען און מיינע קליידער װאָלטען מיך עקעלהאַפט געמאַכט.

32 דען ער איז ניט אַ מענש אַזוי װי איך, איך זאָל איהם ענטפערען, און מיר זאָלען צוזאַמען קומען פאַר געריכט.

33 עס איז ניטאָ װער עס זאָל צװישען אונז ענטשיידען, װער עס זאָל אויף אונז ביידען אַרויפלעגען זיין האַנד.

34 זאָל ער נאָר אָפּטהאָן פון מיר זיין רוטה, זאָל זיין שרעק מיך נאָר ניט סטראַשען —

35 און איך װעל ריידען און איך װעל זיך פאַר איהם ניט שרעקען, דען איך ביי זיך בין ניט אַזוי (שולדיג).

קאַפּיטעל י.

1 מיין זעעל איז מיעד פון מיין לעבען, איך וועל לויז
לאָזען מיין קלאָג, איך וועל ריידען אין דער ביטער־
נים פון מיין געמיטה.

2 איך וועל זאָגען צו גאָט: פאַראורטהייל מיך ניט,
לאָז מיך וויסען פאַר וואָס דו שטרייטסט קעגען מיר.

3 איז דיר גוט ווען דו אונטערדריקסט? ווען דו פאַר־
אַכטעסט דאָס ווערק פון דיינע הענד און באַלייכטסט
די פּלענער פון די וואָס טהוען שלעכטס?

4 האָסטו דען אויגען פון פלייש? קוקסטו דען ווי אַ
מענש קוקט?

5 זיינען דיינע טעג אַזוי ווי די טעג פון אַ מענשען?
אָדער זיינען דיינע יאָהרען ווי די טעג פון אַ מאַן?—

6 ווען דו זוכסט מיין זינד און פאָרשט נאָך מיין פאַרברע־
כען,

7 ווייסטו דאָך אַז איך בין אונשולדיג, און עס איז ניטאָ
ווער עס זאָל ראַטעווען פון דיין האַנד.

8 דיינע הענד האָבען מיך געפורעמט, האַרמאָניש צוזאַ־
מען רונד אַרום, און דאָך פאַרניכטעסטו מיך.

9 דערמאָן זיך, אַזוי ווי לעהם האָסטו מיך געקנעטען.
ווילסטו מיך ווידער אומקעהרען אין שטויב?

10 דו האָסט מיך דאָך אַזוי ווי מילך אויסגעגאָסען, ווי
קעז האָסטו מיך פאַרגליווערט.

11 מיט הויט און מיט פלייש האָסטו מיך פאָרקליידט.

מיט ביינער און מיט אָדערען האָסטו מיך דורכ־
געוועבט.
12 לעבען און גנאָד האָסטו מיר געשאָנקען און דיין
אויפּפּאַסונג האָט אָפּגעהיט מיין גייסט.
13 דאָך דאָס האָסטו פאַרבאָרגען געהאַלטען אין דיין
הערצען; איך וויים אַז דאָס איז ביי דיר געוועזען
(באַשלאָסען):
14 אַז אויב איך זינדיג זאָלסטו אויף מיך אַכט געבען, און
פון מיין שולד זאָלסטו מיך ניט פריישפּרעכען.
15 אויב איך בין שלעכט דאַן וועה איז מיר, און ווען איך
בין גערעכטיג, זאָל איך מיין קאָפּ ניט אויפהויבען.
איך בין געזעטיגט מיט שאַנד. אָ, זעה מיין עלענד.
16 און עס ווערט אַלץ גרעסער. ווי אַ לייב יאָגסטו זיך
נאָך מיר, און קעהרסט זיך אַלץ ווידער אום זיך
קעגען מיר וואונדער (־גרויזאַם) אַרויסצואווייזען.
17 דו באַנייסט דיינע עדות קעגען מיך, דו פאַרמעהרסט
קעגען מיך דיין צאָרען. ענדערונגען און אָפּקומע־
ניסען (קומען נאָכאַנאַנד) איבער מיר.
18 ווארום האָסטו מיך פון געבערמוטער אַרויסגעצויגען?
אָ, ווען איך וואָלט אויסגעגאַנגען און קיין אויג
וואָלט מיך ניט אָנגעזעהן.
19 איך וואָלט געווען אַזוי ווי איך וואָלט גאָר ניט עקזיס־
טירט, פון מוטערלייב גלייך צו דער גרוב וואָלט איך
אַוועקגעפיהרט געוואָרען.

20 מיינע טעג זיינען ווינציג. הער אויף! טהו אָפּ פון
מיר (דיין האַנד) איך זאָל אַ ביסעל זיך אויפ־
מונטערען.
21 איידער איך וועל אַוועקגעהן אום זיך מעהר ניט
אומצוקעהרען, אין דאָס לאַנד פון פינסטערנים און
פון דעם שאָטען פון טוידט,
22 אַ לאַנד פון חשכ׳נים, אַזוי ווי די פינסטערנים פון
דעם שאָטען פון טוידט, און אָהן אָרדנונג, וואו דער
ליכט־שיין אפילו איז אַזוי ווי דונקעלהייט.

קאַפּיטעל יא.

1 און צופר דער נעמתי האָט געענטפערט און האָט
געזאָגט:
2 זאָל אַ הויפען פון ווערטער בלייבען ניט געענטפערט?
זאָל דער מאַן פון (רעדעוודיגע) ליפּען בלייבען
גערעכט?
3 דיינע פוסטע רייד מאַכען מענשען צו שווייגען, דו
שפּאָטסט און קיינער פערשעמט דיך ניט.
4 און דו זאָגסט: לויטער איז מיין לעהרע, און ריין בין
איך פאַר דיינע אויגען.
5 הלואי וואָלט גאָט ריידען, און ער וואָלט עפענען זיינע
ליפּען קעגען דיר!
6 און ער וואָלט דיר דערציילען די געהיימניסען פון
קלוגהייט, דען דאָפּעלטע פאַלדען האָט די חכמה.

און ווייסען זאָלסטו אַז גאָט לאָזט דורך פיעל פון
דיינע זינד.
7 קענסטו די אויספאָרשונג פון גאָט געפינען, קענסטו
דערגרייכען דעם גרענעץ פון דעם אַלמעכטיגען ?
8 די הויכקייטען פון הימעל — וואָס קענסטו (דאָרט) אויפ־
טהאָן ? טיעפער ווי די אונטערערד, וואָס קענסטו
ווייסען ?
9 לענגער ווי די ערד איז (זיין) מאָס, און ברייטער פון'ם ים.
10 ווען ער געהט פאַרביי און שליסט איין, און זאַמעלט
צוזאַמען, ווער וועט איהם צוריקהאַלטען ?
11 ער קען די מענער פון פאַלשקייט, ער זעהט די אונ־
גערעכטיגקייט. זאָל ער זיך דען ניט צוקוקען ?
12 דער פוסטער מאַן האָט קיין פאַרשטאַנד ניט, דען ווי
אַ יונגער ווילדער אייזעל ווערט דער מענש געבאָרען.
13 אויב דו האָסט געקעהרט דיין הארץ (צו גאָט), דאַן
שפרייט אוים צו איהם דיינע הענד.
14 אויב דו האָסט אונרעכט אין דיין האַנד, דערווייטער
עס. לאָז ניט רוהען אין דיינע צעלטען קיין אונגע־
רעכטיגקייט.
15 דאַן וועסטו אויפהויבען דיין געזיכט (ריין) פון אַ
פלעק, און דו וועסט שטעהן פעסט און וועסט זיך
ניט שרעקען.
16 דו וועסט דיינע ליידען פאַרגעסען, ווי וואַסער וואָס
איז פאַרבייגעלאָפען וועסטו (זיי) דערמאָנען.

17 און העלער ווי דער מיטען פון טאָג וועט אויפשטעהן
דיין לעבען אויף דער וועלט, די פינסטערנים וועט
ווערען ווי דער מאָרגען.
18 און דו וועסט זיין זיכער אַז האָפענונג איז פאַראַנען,
דו וועסט מאַכען אַ גראָבען (אַרום זיך) און וועסט
זיך לייגען אין זיכערהייט.
19 און דו וועסט ליגען און קיינער וועט דיך ניט שרעקען,
און פיעל וועלען בעטען דיין לייטזעליגקייט.
20 און די אויגען פון די פאַרדאָרבענע וועלען אויסגעהן,
און זייער רעטונג איז פאַרלאָרען, און זייער האָפע־
נונג ווערט פאַרצווייפלונג.

קאַפּיטעל יב.

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:
2 יא, איהר (נאָר אַליין) זייט דאָס פאָלק, און מיט אייך
וועט די קלוגהייט אָפּשטאַרבען!
3 איך האָב אויך אַ הערץ אַזוי ווי איהר. איך פאַל ניט
אַרונטער פון אייך. ביי וועמען איז אַזוינס ניטאָ?
4 איך בין ווי איינער וואָס ווערט פון זיין (אייגענעם)
פריינד אָפּגעלאַכט, וואָס רופט צו גאָט און ער ענט־
פערט איהם: דער אונשולדיגער פרומער איז (צום)
שפּאָט.
5 דעם אונגליקליכען קומט פעראַכטונג — לויט די
געדאַנקען פון דעם וואָס האָט קיין זאָרג ניט — זי
איז גרייט פאַר די וואָס זייערע פיס וואַנקען.

6 רוהיג זיינען די געצעלטען פון רויבער, זיכערהייט
האָבען די וועלכע דערצאָרענען גאָט און דער וועל־
כער טראָגט זיין גאָט — אין זיין פויסט.

7 אָבער פרעג נאָר די טהיערען און זיי וועלען דיר
לערנען, דעם פויגעל פון הימעל און ער וועט דיר
זאָגען.

8 אָדער רייד צו דער ערד און זי וועט דיך באַלעהרען, און
די פיש פון ים און זיי וועלען דיך דערצעהלען.

9 ווער פון די אַלע ווייס ניט אַז די האַנד פון גאָט האָט
דאָס געמאַכט?

10 אַז אין זיין האַנד ליגט די זעעל פון אַלצדינג וואָס
לעבט, און דער לעבענסהויך פון איטליכען מענ־
שען'ס לייב?

11 דאָס אויער קען דאָך ווערטער אונטערשיידען, ווי דער
גומען — די שפּייז וואָס איהם שמעקט.

12 ביי די אַלטע איז קלוגהייט פאַראַנען, און לאַנג־לעבען
הייסט פאַרנונפטיגקייט.

13 ביי איהם איז קלוגהייט און שטאַרקייט, ביי איהם
איז ראַטה און פאַרנונפטיגקייט.

14 ער צושטערט און עס קען מעהר ניט אויפגעבויט
ווערען, ער שליסט אַ מענשען איין און עס קען
ניט געעפענט ווערען.

15 ער האַלט צוריק די וואַסערען און זיי ווערען אויסגע־

טריקענט, ער שיקט זיי אַרויס און זיי קעהרען אום
די ערד.

16 ביי איהם זיינען מאַכט און קלוגהייט, זיינע זיינען אי
דער פאַרפיהרטער אי דער פאַרפיהרער.

17 ער פאַרווירט די ראַטהגעבער און צודולט די ריכטער.

18 ער מאַכט לויז דעם באַנד פון די קיניגען און קניפּט
אַ גאַרטעל אַרום זייערע לענדען.

19 ער פיהרט די פּריסטער אַרום צומישטע און ער פאַר־
דרעהט די מעכטיגע.

20 ער טהוט אָפּ די שפּראַך פון די רעדנערס, און דעם
פאַרשטאַנד פון די אַלטע נעהמט ער אַוועק.

21 ער גיסט אויס פאַראַכטונג אויף מאַגנאַטען, און דעם
גאַרטעל פון די שטאַרקע מאַכט ער לויז.

22 ער דעקט אויף טיעפע זאַכען פון דער פינסטערניס,
ער ברינגט אַרויס אין ליכט דעם שאָטען פון דעם
טוידט.

23 ער מאַכט די פעלקער גרויס און ברינגט זיי אום, ער
שפּרייט אויס די נאַציאָנען און פיהרט זיי אַוועק.

24 ער נעהמט אַוועק דעם זינען ביי די פאָרשטעהער פון
דעם פאָלק פון לאַנד, און פאַרפיהרט זיי אין אַ
ווידטע וואו ס'איז קיין וועג ניטאָ.

25 זיי טאַפּען אין דער פינסטערניס אָהן ליכט, און ער
לאָזט זיי בלאָנדזשען ווי אַ באַטרונקענער.

קאַפּיטעל יג.

1 אַלץ האָט דאָך מיין אויג געזעהן; מיין אויער האָט
געהערט און האָט עס זיך געמערקט.
2 ווי איהר ווייסט וויים איך אויך, איך פאַל ניט אַרונטער
קעגען אייך.
3 אָבער איך וועל ריידען צו דעם אַלמעכטיגען, אַ וכוח
פיהרען וועל איך מיט גאָט.
4 אָבער איהר זייט ליגען־קלעפּערס, פאַלשע דאָקטוירים
זייט איהר אַלע.
5 ווען איהר וואָלט כאָטש געשוויגען וואָלט אייך דאָס
פאַר אַ חכמה גערעכענט געוואָרען.
6 הערט מיין טענה, דעם שטרייט פון מיינע ליפּען
זאָלט איהר פאַרנעהמען.
7 צי ווילט איהר פון גאָט'ס וועגען זאָגען דאָס וואָס איז
אונגערעכט? צי ווילט איהר פון זיינעטוועגען
ריידען באַטרוג?
8 צי ווילט איהר איהם שאַנעווען? ווילט איהר זיך פאַר
איהם קריגען?
9 וועט עס גוט זיין, ווען ער וועט אייך אויספאָרשען?
וועט איהר איהם נאַרען ווי מע נאַרט אַ מענשען?
10 ער וועט אייך שטראָפען ווען איהר וועט איהם פאַר־
באָרגענערהייד שאַנעווען.
11 זיין ערהאַבענהייט וועט אייך צוגרווילען, זיין שרעק
וועט פאַלען אויף אייך.

12 אייערע שפּרוכען זיינען בלויז פּוסטע פּאַבעלען,
אייערע געשטעללען זיינען געשטעללען פון לעהם.

13 שווייגט שטיל קעגען מיר און ריידען וועל א י ך,
—זאָל פּאַסירען וואָס (עס וויל)!

14 ווארום זאָל איך ליידען (מיט) מיין פלייש פאַרביססען
צווישען מיינע צייהנער? — איך וועל איינשטעללען
מיין לעבען אין מיין האַנד.

15 ווען ער זאָל מיך אפילו טייטען וועלל איך דאָך אַלץ
פאַרטרויען אויף איהם. אבער מיין אויפפיהרונג
וועלל איך איהם אויפווייזען פאַר זיין געזיכט.

16 און ער וועט אויך מיר זיין אַ הילף. דען פאַר זיין
געזיכט קען קיין פאַלשער ניט קומען.

17 הערט זיך איין מיין וואָרט, זאָל מיין ערקלערונג אין
אייערע אויערען אַריין.

18 איך האָב צוזאַמענגעשטעלט (מיינע) טענות;
איך וויים אַז איך וועלל אַרויסקומען גערעכט.

19 ווער איז דער וואָס וועט זיך מיט מיר האַמפּערען? —
ווען איך זאָל איצט שווייגען, וועלל איך אויסגעהן.

20 נאָר צוויי זאַכען זאָלסטו מיט מיר ניט טהאָן, דאַן
וועלל איך זיך ניט באַהאַלטען פון דיין געזיכט:

21 דערווייטער דיין האַנד פון מיר און דיין שרעק זאָל
מיך ניט גרוילען.

22 און רוף דו און איך וועל ענטפערען, אָדער איך וועל
ריידען און דו ענטפער מיר.

23 וויפיעל זיינען מיינע זינד און פארברעכען? לאז
מיך וויססען מיינע זינד און מיינע חטאים.
24 ווארום פארבערגסטו דיין געזיכט, ווארום האלטסטו
מיך פאר דיין פיינד?
25 ווילסטו איינשרעקען א'ן אבגעטרייסעלטע בלאטט?
ווילסטו א טרוקענעם שטרוי פארפאלגען,
26 וואס דו שרייבסט קעגען מיר ביטערע (אורטהיילען)
און לעגסט אויף מיך ארויף די זינד פון מיין יוגענד?
27 און דו טהוסט אריין מיינע פיסס אין א שווערען
קלאץ, און דו פאססט אויף אללע מיינע וועגען און
דו גראבסט זיך ארום מיינע פוס־זוילען?
28 און ער (מיין קערפער) צוקריכט ווי א פארפוילטע זאך,
ווי א קלייד וואס איהם האט מאיל צופרעסען.

קאפיטעל י"ד.

1 דער מענש, געבארען פון א פרויענצימער, האט ווענינ
טעג און איז זאט מיט קוממער.
2 ווי א בליהונג שפראצט ער ארויס און ווערט פארשניט־
טען. ער אנטלויפט ווי א שאטטען און האט ניט קיין
באשטאנד.
3 און אויף אזעלכען האסטו דיינע אויגען געעפענט?
און מיך ברינגסטו פאר געריכט מיט דיר?
4 ווער קען פון אן אונריינע (זאך) מאכען א ריינע? זיי
זיינען דאך ניט איינס.

5 אויב זיינע טעג זיינען באַשטימטע, און ביי דיר איז די צאָהל פון זיינע מאָנאַטען, און דו האָסט געמאַכט זיין געזעץ וועלכען ער טאָר ניט איבערטרעטען —

6 דאַן קעהר זיך אָפּ פון איהם און ער זאָל אויפהערען (ליידען), אום ער זאָל געניסען ווי דער געדונגענער אַרבייטער זיין טאָג.

7 דען דער בוים האָט אַ האָפנונג: ווען ער ווערט אָפּגע־שניטען וועט ער זיך ווידער באַנייען און זיין צווייג וועט ניט אויפהערען;

8 ווען זיין וואָרצעל ווערט אַלט אין דער ערד און אין שטויב שטאַרבט זיין שטאַמם —

9 פון דעם וואַסער'ס פייכט־גערוך וועט ער ווידער אויפ־בליהען און וועט ארויסגעבען צווייגען, אַזוי ווי אַ ניי־געפלאַנצטער.

10 און אַ מאַן גוסס'ט און ווערט שלאַף, און פאַרגאַנגען איז דער מענש, און וואו איז ער?

11 די וואַסערען געהען אַוועג פון דעם ים, דער טייך ווערט ליידיג און טריקענט אויס;

12 און דער מענש לעגט זיך און שטעהט ניט מעהר אויף אַזוי לאַנג ווי די הימלען עקזיסטירען. זיי כאַפּען זיך מעהר ניט אויף און זיי ערוואַכען ניט מעהר פון זייער שלאָף.

13 אָ, ווען דו וואָלסט מיך אין דער אונטערערד באַהאַל־טען, ווען דו וואָלסט מיך פאַרבערגען ביז דיין צאָרן

וועט אָפּגעהן, מיר געבען אַ באַשטימטען טערמין
און דאַן זיך דערמאָהנען אָן מיר.
14 ווען דער מענש שטאַרבט, וועט ער דען ווידער אויפ־
לעבען? — איך וואָלט דאַן (דורך) אַללע מיינע
טעג פון אָפּקומענים געוואַרט ביז די צייט פון
מיין פאַרגעהן וועט קוממען.
15 דו וואָללסט מיך גערופען און איך וואָללט געענט־
פערט. דיר וואָלט זיך געלוסטען (זעהן) דאָס ווערק
פון דיינע הענד.
16 אָבער איצטער צעהלסטו מיינע טריט, און דו
וואַרטסט (מיר) ניט פאַר מיין זינד.
17 אין אַ בייטעל פאַרזיגעלט איז מיין פאַרברעך און דו
לעגסט נאָך אַלץ צו צו מיין זינד.
18 יא, אַ פאַלענדער באַרג ווערט צוריבען, אַ פעלז ווערט
אַוועגגערוקט פון זיין פּלאַטץ;
19 וואַססער צושייערט שטיינער, און דו שווענקסט אַוועג
(צוזאַמען מיט) דער ערד'ס שטויב איהרע געוויקסען,
און די האָפענונג פון דעם מענשען צערשטערסטו.
20 דו גרייפסט איהם אָן נאַכאַנאַנד ביז ער געהט אַוועג,
דו פאַרענדערסט זיין געשטאַלט און שאַפסט איהם
אָפּ.
21 אויב זיינע קינדער ווערען געאַכטעט — ער ווייסס
עס ניט. אויב זיי ווערען געריננגעשעצט, ער באַ־
מערקט זיי ניט.

22 בלויז זיין פלייש אויף איהם וועט פיהלען וועהטאָג און
זיין זעעל וועט אויף איהם טרויערען.

קאפיטעל ט"ו.

1 און אליפז דער תימני האָט געענטפערט און האָט גע־
זאָגט :
2 דאַרף אַ קלוגער אַרויסזאָגען פוסטע קענטעניסס, און
אָנפיללען מיט מזרח־ווינד זיין בויך ?
3 דאַרף ער דיספוטירען מיט רייד וואָס נוצען ניט און
מיט ווערטער וואָס קענען גאָרניט ווירקען ?
4 דו אויך, פאַרניכטעסט (דיין) גאָטספאָרכטיגקייט און
האַלטסט צוריק (דיין) געבעט פאַר גאָט.
5 דיין מויל לערנט (אונז) דיין זינד, און דו קלייבסט
אויס די שפּראַך פון די איבערשפּיצטע.
6 דיין (אייגענער) מויל מאַכט דיך שולדיג, און ניט איך,
דיינע ליפען זאָגען עדות קעגען דיר.
7 ביזטו דען דער ערשטער מענש וואָס איז געבאָרען
געוואָרען ? ביזטו איידער די בערג באַשאַפען
געוואָרען ?
8 האָסטו דאָס געהיימניסס פון גאָט איינגעהאָרכט ?
האָסטו פאַר זיך צוגענומען די קלוגהייט ?
9 וואָס (אַזוינס) ווייסטו, וואָס מיר ווייסען ניט ? וואָס
פאַרשטעהסטו, וואָס ביי אונז איז ניט פאַראַנען ?

10 מיר האָבען צווישען אונז אי אַ גראָען מאַן אי אַ גרייז מעהר באַטאָגט פון דיין פאטער.

11 זיינען פאַר דיר וועניג די דאָזיגע טרייסטונגען? האָסט עפּעס אין געהיים ביי זיך?

12 וואו פאַרטראָגט דיך דיין האַרץ, וואוהין ווינקען דיינע אויגען?

13 דאָס דו קעהרסט אַקעגען גאָט דיין גייסט און לאָזט אַרויס ווערטער פון דיין מויל?

14 וואָס איז דער מענש ער זאָלל קענען ריין זיין? קען דען זיין גערעכט דער וואָס איז געבאָרען פון אַ פרויענצימער?

15 אין זיינע הייליגע אפילו האָט ער קיין צוטרוי ניט, די הימּמלען זיינען ניט ריין אין זיינע אויגען —

16 טאָ ווי שוין דער פאַראומרייניגטער, דער פאַרדאָרבענער, דער מענש וועלכער טרינקט אונגערעכטיגקייט ווי וואַסער?

17 איך וועל דיך לערנען און דו הער מיך אויס, און דאָס וואָס איך האָב געזעהן וועלל איך דערציילען;

18 וואָס די קלוגע פאַרלייקענען ניט און גיבען איבער פון זייערע עלטערען

19 וואָס צו זיי אַליין איז די ערד געגעבען געוואָרען און קיין פרעמדער איז צווישען זיי ניט געקומען: —

20 דער שלעכטער קייקעלט זיך (פון וועהטאָג) אַלע זיינע

טעג, אַ געוויססע צאָהל פון יאָהרען בלויז איז אַנ־
געברייט פאַר דעם אונטערדריקער.
21 אַ שטיממע פון שרעקען איז אין זיינע אויערען, אין
מיטטען פון פריעדען וועט אַ רויבער קומען צו איהם.
22 ער איז ניט זיכער אז ער וועט זיך אומקעהרען פון
דער פינסטערניס, אויף איהם קוקט אויס דער
שווערד.
23 ער וואַנדערט אַרום נאָך ברויט: וואו איז עס? ער
ווייסס אַז אָנגעברייט ביי זיין האַנד איז דער טאָג פון
פינסטערניס.
24 איהם שרעקען נויט און קלעמעניס, זיי גרייפען איהם
אָן אַזוי ווי (עס גרייפט אָן) אַ קיניג געגרייט צום
שלאַכט־געטומעל.
25 דען ער האָט אויסגעשטרעקט קעגען גאָט זיין האַנד,
קעגען דעם אַלמעכטיגען האָט ער זיך געשטעלט.
26 ער איז אַקעגען איהם געלאָפען מיט אַ (שטאָלצען)
האַלז, מיט דעם דיקען רוקען פון זיינע שילדען.
27 ער האָט פאַרדעקט זיין געזיכט מיט שמאַלץ און האָט
אָנגעזאַמעלט פעטס אויף זיינע לענדען.
28 ער האָט געוואוהנט אין צושטערטע שטעדט, אין
הייזער אונבאַוואוהנטע וועלכע האָבען זיך שוין
אָנגעברייט אין חורבות (צו פאַלען).
29 ער וועט רייך ניט בלייבען, זיין פאַרמעגען וועט ניט

באשטעהן, זייער אייגענטום וועט זיך ניט פאר־
שפרייטען אויף דער ערד.

30 ער וועט ניט ארויס פון פינסטערניס, זיין צווייג וועט
א פייער־פלאם פארטריקענען און ער וועט פאר־
שווינדען מיט דעם אטהעם פון (גאט'ס) מויל.

31 זאל זיך ניט פארלאזען אויף באטרוג דער פאר־
בלאנדזשעטער, דען באטרוג וועט זיין, זיין באלויה־
נונג.

32 נאך איידער זיין טאג (קומט) וועט ער פארשניטטען
ווערען, און זיין צווייג וועט ניט זיין גרין.

33 אזוי ווי א וויינשטאק וועט ער ארונטערטרייסלען
זיינע ניט־פארטיגע טרויבען, ווי א טייטעלבוים
וועט ער ארונטערוואַרפען זיין בליהונג.

34 דען די פארזאמלונג פון די פאלשע וועט בלייבען
וויסט און א פייער פארצעהרט די געצעלטען פון
שוחד.

35 זיי טראגען אומרוה און זיי געבערען אונרעכט. זייער
בויך גרייט אן באטרוג.

קאפיטעל טז.

1 און איוב האט געענטפערט און האט געזאגט:

2 איך האב געהערט פיעל אזעלכע (זאכען), לעסטיגע
טרייסטער זייט איהר אלע.

3 וועט נעהמען א'ן ענד צו די לופטיגע רייד? — וואס
טרייבט דיך אן דו זאלסט מיך ענטפערען? —

4 איך וואָלט אויך גערעדט אַזוי ווי איהר ווען אייער זעעל
וואָלט געווען אויף דעם פּלאַטץ פון מיינער, איך
וואָלט אויף אייך געזאַמעלט ווערטער, און וואָלט
אויף אייך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.
5 איך וואָלט אייך געקרעפטיגט מיט מיין מויל, און די
באַדויערונג פון מיינע ליפּען וואָלט צוריקגעהאַלטען
(אייער וועהטאָג). —
6 אויב איך וועל ריידען וועט מיין שמערץ ניט פאַרהאַל־
טען ווערען, און ווען איך זאָל אויפהערען, וואָס וועט
מיר אָפּגעהן? —
7 איצטער האָט ער מיך אויסגעמאַטערט. — דו האָסט
פאַרוויסט מיין גאַנצע געזעלשאַפט!
8 דו האָסט מיך מיט קנייטשען באַדעקט. דאָס איז מיין
עדות. מיין מאָגערקייט אויף מיין געזיכט רעדט (פאַר
מיך).
9 זיין צאָרען האָט (מיך) פאַרצוקט, ער האָט מיך פאַר־
האַסט, ער קריצט אויף מיך מיט די צייהנער. מיין
פיינד שלייפט אויף מיך זיינע אויגען.
10 זיי האָבען אויפגעריסען אַקעגען מיך זייער מויל. זיי
שלאָגען מיינע באַקען מיט פאַרוואורף. זיי בונטע־
ווען זיך צוזאַמען קעגען מיר.
11 גאָט האָט מיך איבערגעגעבען צו דעם נידערטרעכ־
טיגען, אין די הענד פון די שלעכטע האָט ער מיך
אריינגעוואָרפען.

12 רוהיג בין איך געווען און ער האָט מיך צוברעקעלט,
ער האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן נאַקען און האָט מיך
צושמעטערט, און האָט מיך אַוועקגעשטעלט אַלס
ציעל פאַר זיך.
13 זיינע פיילענשיסערס רינגלען מיך אַרום, ער צושפּאַלט
מיינע ניערען און האָט קיין מיטלייד ניט, ער גיסט
אוים אויף דער ערד מיין גאַל.
14 ער צוברעכט מיך מיט בראָך אויף בראָך, ער לויפט
קעגען מיר אַזוי ווי אַ שטאַרקער (קריגער).
15 איך האָב אויפגענייהט אַ זאַק־קלייד אויף מיין הויט,
מיין שטאָלץ האָב איך אין אַש אַריינגעלעגט.
16 מיין געזיכט איז רויט פון געוויין, אויף מיינע ברעמען
איז דער שאָטען פון טויט.
17 (און אַלץ) ווייל, קיין אונרעכט איז ניטאָ אין מיינע
הענד און מיין געבעט איז ריין. —
18 אָ ערד, דעק ניט צו מיין בלוט, זאָל פאַר מיין געשריי
קיין אָרט זיך ניט געפינען.
19 איצט אויך איז אין הימעל מיין עדות און מיין באַווייז
איז אין דער הויך.
20 מיינע גערדאַנקען זיינען מיינע פאַרטהיידיגער. צו
גאָט טריפט מיין אויג.
21 אָ ווען אַ מענש וואָלט געקענט טענה'ן מיט גאָט אַזוי
ווי איין מענשען־קינד מיט אַ צווייטען! —
22 די געצעהלטע יאָהרען וועלען פאַרבייגעהן און איך

ווער געהן אויף אַ וועג פון וועלכען איך וועל זיך
מעהר ניט אומקעהרען.

קאַפּיטעל יז.

1 מיין געמיטה איז צובראָכען, מיינע טעג זיינען פאַר־
לאָשען, פאַר מיר (שטעהען בלויז) טויטענגריבער.
2 (מאַכען זיי) ניט שפּאַס מיט מיר? — און רוהט ניט
מיין אויג אויף זייערע באַליידיגונגען?
3 לעג צו (דיין אויפמערקזאַמקייט), זיי אַליין ביי זיך
מיין גוט־זאָגער, ווער דען וועט מיר געבען די האַנד
(אַלס גוטזאָגער)?
4 דו האָסט זייער הערץ פאַרבאָרגען פון פאַרשטאַנד,
דאַריבער ווערסטו דורך זיי ניט דערהויבען.
5 שמייכעל־ווערטער בלויז רעדט יעדער צו זיינע פריינד.
זאָלען די אויגען פון זיינע קינדער אויסגעהן! —
6 ער האָט מיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם שפּאָט פון די
פעלקער, איך בין געוואָרען עפענטליך אַ'ן אַבשיי־
ליכע זאַך.
7 פון קומער איז מיין אויג טונקעל געוואָרען, מיינע
גליעדער זיינען אַלע ווי אַ שאָטען.
8 די עהרליכע מוזען דאַריף שטוינען, און דער אונשול־
דיגער מוז אויפגערעגט ווערען קעגען דעם פאַלשען.
9 דאָך וועט דער גערעכטיגער זיך האַלטען ביי זיין וועג
און דער וואָס האָט ריינע הענד וועט נאָך קריגען
מעהר מוטה.

10 אָבער איהר אַלע קומט נאָר אַהער צוריק! איך קען
צווישען אייך ניט געפינען קיין קלוגען.

11 מיינע טעג זיינען פאַרגאַנגען, צוריסען זיינען מיינע
געדאַנקען — די אייגענטהימער פון מיין הערצען.

12 זיי מאַכען פון נאַכט טאָג, און נאָהנטעס ליכט — פון
פינסטערניס.

13 קען איך דען האָפען? די אונטערערד איז מיין הויז, אין
דער פינסטערניס מוז איך אויסבעטען מיין געלעגער.

14 איך רוף די גרוב מיין פאָטער, מיין מוטער און מיין
שוועסטער זיינען די ווערעם.

15 וואו איז מיין האָפענונג דען? מיין ערוואַרטונג —
ווער וועט זי אָנזעהן?

16 אין דער אונטערערד וועלען זיי אַרונטערשטייגען,
צוזאַמען אין שטויב (וועלען זיי געפינען) רוה.

קאַפּיטעל יח.

1 און געענטפערט האָט בלדד דער שוחי און האָט
געזאָגט:

2 ווען וועט איהר מאַכען אַ'ן ענד צו די ווערטער? פאַר־
שטעהט צוערשט און דערנאָך וועלען מיר ריידען.

3 פאַר וואָס ווערען מיר גערעכענט ווי די בהמות, ווארום
זיינען מיר אונריין אין אייערע אויגען?

4 דו וועלכער פאַרצוקסט דיין אייגען לעבען אין דיין

צאָרען — זאָל צוליעב דיר די ערד פערוויסט ווערען?
זאָל דער פעלז פאַררוקט ווערען פון זיין פּלאַטץ?

5 יא, דאָס ליכט פון די שלעכטע וועט פאַרלאָשען ווערען, און עס וועט ניט לייכטען דער פונק פון זייער פייער.

6 די ליכטיגקייט וועט דונקעל ווערען אין זיין געצעלט, זיין ליכט'ל וועט איהם אויסגעלאָשען ווערען.

7 זיינע שטאַרקע טריט וועלען פאַראייננגט ווערען און זיין ראַטה וועט איהם פאַרלאָזען.

8 דען ער ווערט אַריינגעוואָרפען אין דער נעץ דורך זיינע אייגענע פיס, און ער געהט אויף אַ פּאַסטקע.

9 די נעץ וועט פאַרצפּען זיין פוס־זויל, און דאָס געפלעכט וועט איהם פעסט צוהאַלטען.

10 זיין פעטליע איז אין דער ערד בעהאַלטען און זיין פאַל־שטריק ליגט אויפ'ן שטעג.

11 אַרום גרוילען איהם שרעקעניסען אָן און טרייבען איהם אויף זיינע פיס.

12 הונגעריג וועט זיין זיין ערשט־געבאָרענער, און דער בראָך שטעהט איהם אָנגעגרייט ביי זיין זייט.

13 עס וועט פאַרצעהרען די טהיילען פון זיין הויט, עס וועט פאַרצעהרען זיינע גליעדער דער ערשט־געבאָרענער פון טויט.

14 זיין זיכערהייט וועט אַוועקגעריסען ווערען פון זיין געצעלט, און עס וועט איהם אַוועקטרייבען צו דעם קיניג פון שרעקעניסען.

15 (דאָס אונגליק) וועט וואָוהנען אין זיין געצעלט, דען
עס איז ניט זיינס, און שוועבעל וועט פאַרשפּרייט
ווערען אויף זיין וואָוהנונג.
16 אונטען וועלען זיינע וואָרצלען פאַרטריקענט ווערען,
און אויבען וועט פאַרשניטען ווערען זיין צווייג.
17 זיין זכר וועט פאַרלאָרען פון דער ערד, ער האָט קיין
נאָמען ניט אויף דער וועלט.
18 מע וועט איהם אַרויסשטויסען פון ליכט אין פינסטער־
ניס, פון דער וועלט וועט מען איהם פאַרוואָגלען.
19 ער האָט קיין זוהן און קיין אייניקעל ניט צווישען
זיין פאָלק, קיינער בלייבט ניט איבער אין זיינע
וואָוהנונגען.
20 אויף זיין (שלעכטען) טאָג וועלען די שפּעטער־
קומענדע ערשטוינט ווערען, די פריהער געקומענע
האָט אַ שוידער אָנגענומען.
21 יא, אַזעלכע זיינען די וואָוהנונגען פון דעם נידער־
טרעכטיגען, דאָס איז דער פּלאַטץ פון דעם וואָס
האָט גאָט ניט געקענט.

קאַפּיטעל יט.

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:
2 ווי לאַנג נאָך וועט איהר באַטריבען מיין זעעל און מיך
מיט ווערטער צודריקען?
3 שוין צעהן מאָל האָט איהר מיך באַליידיגט, איהר

שעמט זיך גאר ניט, איהר ווייזט זיך ווי פרעמדע
ארוים קעגען מיר.
4 אויב איך האב שוין יא פארזעהן, דאן וועט מיין פאר־
זעהן בלייבען ביי מיר.
5 אויב איהר ווילט ווירקליך זיך גרויסען איבער מיר
און ווילט מיר פארווארפען מיין שאנד —
6 דאן זאלט איהר וויסען אז גאט האט מיך געקריוודעט,
און ער האט זיין נעץ ארומגעשטעלט ארום מיך.
7 איך שריי אוים קעגען די געוואלד־טהאט און איך ווער
ניט געענטפערט, איך רוף (נאך הילף) און ס'איז קיין
גערעכטיגקייט ניט פאראנען.
8 ער האט פארצאהמט מיין וועג און איך קען ניט דורכ־
געהן, און פינסטערנים האט ער ארויפגעלעגט אויף
מיינע שטעגען.
9 ער האט מייך עהרע ארונטערגעצויגען פון מיר, ער
האט אראפגענומען די קרוין פון מיין קאפ.
10 ער האט מיך רונד ארום צובראכען און איך געה אוים,
ער האט ווי א בוים אויסגעווארצעלט מיין האפענונג.
11 זיין צארען האט זיך צוברענט אויף מיר און ער האלט
מיך אזוי ווי (איינעם פון) זיינע פיינד.
12 זיינע פאלקען קומען צוזאמען און טרעטען אוים זייער
וועג קעגען מיר און לאגערען ארום מיין געצעלט.
13 מיינע ברידער האט ער פון מיר דערווייטערט, מיינע
באקאנטע זיינען צו מיר פרעמד געווארען.

14 מיינע פאַרוואַנדטע האָבען אויפגעהערט (צו קומען), מיינע גוטע פריינד האָבען מיך פאַרגעסען.

15 די איינוואָוהנער פון מיין הויז, מיינע דיענסטען אפילו האַלטען מיך פאַר אַ פרעמדען, אַ ווילד־פרעמדער בין איך געוואָרען ביי זיי אין די אויגען.

16 איך רוף מיין קנעכט און ער ענטפערט ניט, איך בעט זיך ביי איהם מיט מיין מויל.

17 מיין אָטהעם איז אָפּשטויסענד געוואָרען צו מיין פרוי, און איך בעט זיך ביי די קינדער פון מיין (אייגענעם) לייב.

18 אינגלעך אפילו פאַראַכטען מיך, איך שטעל זיך אויף און זיי ריידען מיר אַקעגען.

19 אַלע מיינע פאַרטרויטע פריינד עקלען זיך מיט מיר, די וועלכע איך האָב ליעב געהאַט, האָבען זיך געקעהרט קעגען מיר.

20 צו מיין הויט און צו מיין פלייש האָט זיך צוגעקלעפּט מיין געביין, איך בין אַרוים (קוים) מיט די יאַסלעס פון מיינע צייהנער.

21 האָט מיטלייד אויף מיך! האָט מיטלייד אויף מיך איהר, מיינע פריינד, דען די האַנד פון גאָט האָט מיך אָנגעגריפען.

22 וואָרום פערפאָלגט איהר מיך אַזוי ווי גאָט, און קענט זיך ניט זעטיגען מיט מיין פלייש?

23 אָ, ווען מיינע ווערטער זאָלען פאַרשריבען ווערען! אָ
ווען זיי וואָלטען אין אַ בוך פערצייכענט ווערען,

24 מיט אַ גריפעל פון אייזען און בליי אויף אייביג אין
פעלז אויסגעקריצט ווערען. —

25 און איך ווייס אַז מיין אויסלייזער לעבט, און וועט
דער לעצטער בלייבען אויף דער ערד.

26 ווען זיי וועלען האָבען צושטערט מיין הויט (וועט
דאָס (זיין), און (באַפרייט) פון מיין פלייש, וועל איך
דערזעהן גאָט.

27 איך אַליין וועל זעהן, און מיינע אויגען וועלען אָנקו־
קען און ניט אַ פרעמדער. מיינע ניערען אין מיין לייב
געהען אויס (צו זעהן יענעם טאָג).

28 איהר זאָגט: ווי זאָלען מיר איהם פאַרפאָלגען? (דענ־
קענדיג) אַז דער וואָרצעל פון דער זאַך איז אין מיר —

29 שרעקט זיך פאַר'ן שווערד, דען צאָרען איז אַ זינד
וואָס ברינגט דעם שווערד. איהר זאָלט וויסען אַז עס
איז דאָ אַ געריכט.

קאַפיטעל כ.

1 און געענטפערט האָט צופר דער נעמתי און האָט
געזאָגט:

2 דאַריבער צווינגען מיך מיינע געדאַנקען צו ענטפערען,
צוליעב די אונגעדולד פון מיינע געפיהלען אין מיר.

3 איך הער דעם פאָרוואורף פון מיין שאַנד, און אַ גייסט
פון מיין פאַרשטאַנד רופט אויס צו מיר.

4 דו ווייסט עס דאָך, (עס איז) פון אייביג אָן, זינט דער באַשאַפונג פון דעם מענשען אויף דער ערד.

5 דער טריאומף־געזאַנג פון די שלעכטע איז בלויז קור׳ץ, די פרייד פון די פאַלשע בלויז אַ ווײַלע.

6 ווען ביז׳ן הימעל זאָל דערגרייכען זיין גרויסקייט, ווען זיין קאָפּ זאָל די וואָלקענס אָנשפּאַרען —

7 ווי זיין אייגען מיסט וועט ער פאַרלאָרען געהן אויף אייביג. די וועלכע האָבען איהם געזעהן וועלען זאָגען: וואו איז ער?

8 ווי אַ טרוים פליהט ער אַוועק און זיי וועלען איהם ניט געפינען, ער פאַרגעהט ווי אַ זעהונג פון דער נאַכט.

9 דאָס אויג וואָס האָט איהם אָנגעקוקט וועט איהם ניט ווידערזעהן, און זיין פּלאַטץ וועט איהם מעהר ניט אָנבליקען.

10 זיינע קינדער וועלען (זוכען צו) באַפרידיגען די פאַר־אָרעמטע, און זיינע אייגענע הענד וועלען אָפּגעבען צוריק זיין (אָנגעראַבעוועט) פאַרמעגען.

11 זיינע ביינער מעגען פול זיין מיט יוגענד־קראַפט, זי וועט מיט איהם זיך לייגען אין דער ערד.

12 ווען דאָס שלעכטע פלעגט זיס זיין אין זיין מויל, פלעגט ער עס באַהאַלטען אונטער דער צונג.

13 ער פלעגט עס שוינען און ניט אָפּלאָזען, ער פלעגט עס צוהאַלטען אויף זיין גומען. —

14 (אָבער) זיין שפּייז אין זיינע געדערעם איז פאַרוואַנ־
דעלט געוואָרען, דער גיפט פון שלאַנגען איז אינע־
ווייניג ביי איהם.

15 דאָס פאַרמעגען וואָס ער האָט פאַרשלונגען וועט ער
אויסברעכען, פון זיין בויך וועט עס גאָט אַרויס־
טרייבען.

16 ער וועט זויגען די גיפט פון עספּען־שלאַנגען, איהם
וועט טויטען די צונג פון פיפּערנאָטער.

17 ער וועט ניט אָנזעהן די בעכען, די טייכען און די
פלוסען פון האָניג און פון מילך.

18 ער גיט אָפּ צוריק וואָס ער האָט אָנגעהאָרעוועט, ער
שלינגט עס ניט אַרונטער. וויפיעל ער פאַרמאָגט
(וועט ער אָפּגעבען), און ער וועט זיך דערמיט ניט
אָנפרעהען.

19 דען ער האָט אונטערדריקט און פאַרלאָזען די אָרעמע,
ער האָט דאָס הויז גערויבט און האָט עס (אַליין) ניט
געבויט.

20 ווייל ער האָט קיין רוה ניט געהאַט אין זיין לייב,
דאַריבער זאָל ער (גאָרנישט) ראַטעווען פון זיין
טהייערסטעס.

21 פון זיין פרעסעריי פלעגט קיין זאַך ניט איבערבליי־
בען, דאַריבער זאָל זיין רייכטהום ניט באַגליקען. —

22 ווען ער וועט זיך זאַט אָנפילען, דאַן וועט איהם איינג

ווערען, די האַנד פון יעדען פאַראונגליקטען וועט
איהם דערגרייכען.

23 ווען ער וועט האַלטען ביי'ן אָנפילען זיין בויך וועט ער
(גאָט) אָנשיקען אויף איהם זיין גרימצאָרען און ער
וועט אויף איהם אַרונטעררעגענען זיין (גאָט'ס)
שפייז.

24 ער וועט אַנטלויפען פון דעם אייזערנעם וואָפען, וועט
איהם דורכלעכערען דער בויגען פון קופער.

25 ער ציהט און עס קומט אַרויס פון (זיין) לייב — אַ בליי־
צענדער (שווערד) קומט אַרויס פון זיין גאַל, שרעקען
(פאַלען אָן) אויף איהם.

26 אַלע פינסטערניסען ליגען באַהאַלטען אין זיינע פאַר־
באָרגענע ווינקלען, אַ פייער, וואָס קיינער האָט ניט
אויפגעבלאָזען, וועט איהם פאַרצעהרען. עס וועט
צושטערען יעדען וועלכער איז איבערגעבליבען אין
זיין געצעלט.

27 די הימלען וועלען אויפדעקען זיין זינד, און די ערד
שטעלט זיך אויף קעגען איהם.

28 פאַרוואָגעלט ווערען וועט די פרוכט פון זיין הויז, אַלצ־
דינג ווערט צורונען אין דעם טאָג פון זיין (גאָט'ס)
צאָרען.

29 דאָס איז די פּאַרציע וואָס דער פאַרדאָרבענער מענש
קריגט פון גאָט, דאָס איז די גאָב וואָס ער קריגט
פון גאָט'ס אורטהייל.

קאפיטעל כא.

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:
2 אָ הערט מיין וואָרט און זאָל דאָס זיין די טרייסטונג
אייערע (וואָס איהר זאָלט מיר געבען).
3 האָט געדולד מיט מיר און איך וועל ריידען, און נאָך
מיין ריידען וועט איהר מאַכען שפּאַס.
4 האָב איך דען קעגען אַ מענשען אַ קלאַגע? — וואָרום
זאָל מיין געדולד ניט פּלאַצען?
5 קעהרט זיך צו מיר און ווערט ערשטוינט, לעגט אַרויף
די האַנד צום מויל.
6 ווען איך דערמאָן זיך ווער איך דערשראָקען, אַ ציטער-
ניש נעהמט אָן מיין פלייש.
7 וואָרום לעבען די וואָס טהוען שלעכטס, זיי עלטערען
זיך און ווערען רייך?
8 זייערע קינדער שטעהען נעבען זיי, זייערע שפּראָצונ-
גען (זיינען) פאַר זייערע אויגען.
9 זייערע הייזער זיינען זיכער פון שרעקען, און די רוטה
פון גאָט (פאַלט) ניט אויף זיי.
10 זיין אָקס באַפרוכפערט און פאַרפעהלט ניט, זיין קוה
קעלבט זיך און פאַרוואַרפט ניט.
11 זיי שיקען זייער יונגוואַרג אַרויס ווי די לעמער, זייערע
קינדערלעך שפּרינגען (לוסטיג) אַרום.
12 זיי נעהמען פּויק און האַרף, און מאַכען זיך לוסטיג צו
דעם קלאַנג פון דער פלייט.

13 זיי פֿאַרברענגען זייערע טעג אין וואוילטאג און אין אַ רגע (אָהן לאַנגע מאַטערניש) גייען זיי אין גרוב אַריין.

14 און זיי זאָגען צו גאָט: קעהר זיך אָפּ פֿון אונז, מיר ווילען ניט די קענטעניש פֿון דיינע וועגען.

15 ווער איז דער אַלמעכטיגער, מיר זאָלען איהם דיענען? וואָס פֿאַר אַ נוץ וועלען מיר האָבען ווען מיר וועלען בעטען צו איהם? —

16 אָבער ניט אין זייער האַנד איז זייער גליק, דער געדאַנ־קען פֿון די פֿאַרדאָרבענע איז ווייט פֿון מיר.

17 ווי אָפֿט ווערט דאָס ליכט פֿון די שלעכטע אויסגע־לאָשען און עס קומט אויף זיי זייער בראָך, און ווער־טאָגען טהיילט ער (גאָט) זיי אין זיין צאָרען איין.

18 זיי ווערען אַזוי ווי שטרוי פֿאַר'ן ווינד, אַזוי ווי שפּריי וואָס דער שטורעם האָט איהם צוגעכאַפּט.

19 גאָט באַהאַלט זיין אונגערעכטיגקייט פֿאַר זיינע קינ־דער, ער וועט איהם (אויך) באַצאָהלען און ער וועט עס וויסען.

20 זיינע אויגען וועלען צוזעהן זיין אונטערגאַנג, פֿון דעם אַלמעכטיגען'ס צאָרען וועט ער טרינקען.

21 וואָס פֿאַר אַ נוץ האָט ער פֿון זיין הויז (וואָס ער לאָזט נאָך זיך) ווען די צאָהל פֿון זיינע מאָנאַטען זיינען באַשטימט געוואָרען?

22 קען (עמיצער) לערנען קענטעניס צו גאָט, וועלכער
אורטהיילט די העכסטע ? —

23 דער שטאַרבט אין זיין פולער שטאַרקייט, רוהיג און
זאָרגלאָז ;

24 זיינע געפעסען זיינען פול מיט מילך, און זאַפטיג איז
די מאַרך פון זיינע ביינער.

25 און דער שטאַרבט מיט אַ פאַרביטערטע זעעל און
האָט קיין גוטס ניט גענאָסען.

26 צוזאַמען ליגען זיי אין שטויב און דער וואָרעם דעקט
זיי צו. —

27 איך וויים דאָך אייערע געדאַנקען און די פּלענער וואָס
איהר מאַכט אום מיך צו אונטערדריקען. —

28 איהר זאָגט : וואו איז דאָס הויז פון דעם מאַגנאַט ?
וואו איז דאָס געצעלט אין וועלכען דער פאַרדאָר־
בענער מענש האָט געוואָוהנט ? —

29 האָט איהר דען ניט געפרעגט ביי די דורכפאָהרער ?
זייערע באַווייזען קענט איהר ניט פאַרלייקענען.

30 פאַר דעם טאָג פון אונגליק ווערט דער שלעכטער
געהאַלטען, זיי ווערען געפיהרט צו דעם טאָג פון
צאָרען.

31 ווער וועט איהם אָבער אין געזיכט פאָרוואַרפען זיין
אויפפיהרונג ? און ווער וועט איהם באַצאָהלען וואָס
ער האָט געטהאָן ?

32 ער וועט צום קבר געבראכט ווערען, אין זיין ערד־
הויפען וועט ער ליגען.
33 זים זיינען איהם די שטיקער־ ערד פון טהאָל. נאָך
איהם וועלען אַלע מענשען קומען, און פאַר איהם
(זיינען שוין געקומען) אָהן אַ צאָהל.
34 וואָס טרייסט איהר מיך דען (מיט) גאָר נישט ? און
אייערע ענטפערען זיינען בלויז באַטרוג.

קאַפּיטעל כב.

1 און געענטפערט האָט אליפז דער תימני און האָט
געזאָגט :
2 קען דען דער מענש נוצען גאָט ? דער פאַרשטענדיגער
נוצט בלויז זיך אַליין.
3 האָט דען גאָט אַ נוץ דערפון וואָס דו ביזט גערעכטיג,
צי געווינט ער דערביי וואָן דיינע וועגען זיינען פרום?
4 צי וויל ער האָט מורא פאַר דיר שטראָפט ער דיך ?
צי געהט ער מיט דיר פאַר געריכט ?
5 דיינע שלעכטע טהאטען זיינען פיעל, און קיין ענד איז
ניטאָ צו דיינע זינד.
6 דו האָסט גענומען אַ משכון ביי דיינע ברידער אומזיסט,
פון די נאַקעטע האָסטו די קליידער אַרונטערגע־
צויגען.
7 קיין וואַסער צו טרינקען האָסטו דעם מידען ניט געגע־
בען, פון דעם הונגעריגען האָסטו צוריקגעהאַלטען
ברויט.

8 צו דעם מאַן מיט'ן (שטאַרקען) אָרעם האָט בעלאַנגט
די ערד, (בלויז) דער אָנגעזעהענער מאַן האָט
געמעגט אויף איהר וואוהנען.
9 און די אלמנה האָסטו אַוועקגעשיקט מיט ליידיגען, און
די אָרעמס פון די יתומים זיינען צודריקט געוואָרען.
10 דאַריבער (ליגען) נעצען אַרום דיר און דיך גרוילט
אַ פלוצלינגער שרעק,
11 ענטוועדער אַ פינסטערניס און דו זעהסט ניט מעהר,
אָדער אַ פלייצונג פון וואַסער פאַרדעקט דיך.
12 גאָט איז דאָך אין דער הויכקייט פון די הימלען, דו
זעהסט דעם שפּיץ פון די שטערען, ווי הויך זיי
זיינען,
13 און דו זאָגסט: וואָס וויים גאָט? צי קען ער פון הינ־
טער די נעבעלס אורטהיילען?
14 די וואָלקענס פאַרשטעלען איהם און ער קען ניט
זעהן. אויף דעם געוועלב פון הימעל שפּאַצירט ער
אַרום. —
15 האָסטו אויפגעפּאַסט דעם וועג אויף וועלכען עס
האָבען פון אייביג אָן געטראָטען די מענער פון אונ־
גערעכטיגקייט,
16 וועלכע זיינען צוקנייטשט געוואָרען פאַר דער צייט
און אַ טייך האָט פאַרפלייצט זייער פונדאַמענט?
17 וועלכע האָבען געזאָגט צו גאָט: קעהר זיך אָפּ פון
אונז? וואָס קען דער אַלמעכטיגער טהאָן פאַר זיי?

18 דאָך ער האָט עס אָנגעפילט זייערע הייזער מיט
גוטס. — דער געדאַנקען פון די פאַרדאָרבענע איז
ווייט פון מיר.
19 די גערעכטיגע וועלען צוזעהן און וועלען זיך פרעהען,
דער אונשולדיגער וועט שפּאָטען פון זיי.
20 איז דען ניט אונזער פיינד פאַרטיליגט געוואָרען?
זייער גרויסקייט האָט דאָס פייער פאַרצעהרט.
21 ווער באַקאַנט מיט איהם (גאָט) און דו וועסט לעבען
אין פרידען; דורך דעם וועט קומען גוטס אויף דיר.
22 נעהם דיין לעהרע פון זיין מויל, לעג אַריין זיינע
ווערטער ביי דיר אין הערצען.
23 ווען דו וועסט זיך אומקעהרען צו דעם אַלמעכטיגען
וועסטו אויפגעריכט ווערען — דו זאָלסט נאָר דער־
ווייטערען די אונגערעכטיגקייט פון דיינע געצעלטען.
24 וואַרף אין שטויב דיינע טהייערע מעטאַלען, און ביי
די פעלזען פון טייך — דיין אופיר גאָלד.
25 און דער אַלמעכטיגער זאָל זיין דיין טהייערער מעטאַל,
דיין העל־שיינענדער זילבער זאָל ער זיין,
26 דאַן וועסטו קוועלען פון דעם אַלמעכטיגען, דו וועסט
אויפהויבען צו גאָט דיין געזיבט.
27 דו וועסט בעטען ביי איהם און ער וועט דיך צוהערען
דען דיינע פאַרשפּרעכונגען (צו גאָט) וועסטו
באַצאָהלען.
28 דו וועסט באַשליסען אַ זאַך און זי וועט דיר ערפילט

ווערען, און איבער דיינע וועגען וועט שיינען א ליכטיגקייט.

29 (דעם) וואָס מע האָט ערנידעריגט וועסטו הייסען (ער זאָל) דערהויבט ווערען, און דעם וואָס האָט אַראָפּ־געבויגט די אויגען דעם וועט (גאָט) העלפען.

30 ער וועט רעטען (אפילו) דעם ניט־אונשולדיגען, וועל־כער וועט גערעטעט ווערען צוליעב די ריינקייט פון דיינע הענד.

קאפיטעל כג.

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:

2 היינט אויך איז ביטער מיין קלאָג, מיין אונגליק איז שווערער פון מיין קרעכץ.

3 ווען איך זאָל וויסען וואו איך קען איהם געפינען? ווען איך זאָל קענען צוקומען צו זיין וואוהנונג!

4 איך וואָלט פאַר איהם פאָרגעלעגט מיין משפט, און איך וואָלט מיין מויל אָנגעפילט מיט טענות.

5 איך וואָלט גערן וויסען די ווערטער וועלכע ער וואָלט מיר ענטפערען, איך וואָלט גערן פאַרשטעהן וואָס ער וואָלט מיר זאָגען.

6 צי מיט גרוים שטאַרקייט וועט ער מיט מיר שטרייטען? — ניין! — אָבער ער וועט לייגען (אויפמערקזאַמ־קייט) אויף מיך. —

7 דאָרט קען דער עהרליכער דיספוטירען מיט איהם,

און איך וואָלט אויף אימער באַפרייט ווערען דורך
מיין ריכטער.

8 אָבער איך געה צו מזרח און ער איז ניטאָ, צו מערב —
און איך מערק איהם ניט.

9 ווען ער טהוט אויף (זאַכען) אין צפון זעה איך איהם
ניט, ער בעהאַלט זיך אין דרום און איך קריג איהם
ניט אָנצוקוקען. —

10 אָבער ער וויים מיין אויפפיהרונג, ער האָט מיך פּרו־
בירט און איך בין ווי גאָלד אַרוים.

11 אין זיינע טריט האַלט זיך מיין פוס, זיין וועג היט
איך און נייג זיך ניט אָפּ.

12 פון דעם באַפעהל פון זיינע ליפּען האָב איך זיך ניט
אָפּגעקעהרט, מעהר ווי מיין טעגליכע שפּייז האָב
איך אָפּגעהיט די ווערטער פון זיין מויל.

13 ווען ער האַלט זיך אָן איין זאַך ווער וועט איהם
צוריקהאַלטען? וואָס זיין ווילען באַגעהרט דאָס
טהוט ער.

14 ער וועט ערפילען דאָס וואָס איז באַשטימט פאַר מיר,
און פיעל אַזעלכע (זאַכען) זיינען ביי איהם פאַראַנען.

15 דאַריבער ציטער איך פאַר זיין געזיכט, איך באַטראַכט
און ווער צושראָקען.

16 גאָט האָט אָפּגעשלאַפט מייע הערץ, דער אַלמעכטיגער
האָט מיך מיט אַנגסט אָנגעפילט.

17 דען איך בין ניט פאַרשניטען געוואָרען איידער די

פינסטערקייט (איז געקומען) און ער האָט די חשכ׳־
נים ניט פאַרדעקט פון מיין געזיכט.

קאַפּיטעל כד.

1 ווארום זיינען פאַר דעם אַלמעכטיגען די צייטען ניט
פאַרבאָרגען, און די וואָס קענען איהם האָבען זיינע
טעג ניט געזעהן?
2 זיי (די שלעכטע) פאַררוקען די גרענעצען, זיי רויבען אַ
סטאַדע און פיטערען זי.
3 דעם עזעל פון די יתומים פיהרען זיי אַוועק, און נעה־
מען אַלס משכון דעם אָקס פון די אלמנה.
4 זיי פאַריאָגען די נויטהבאַדירפטיגע פון דעם וועג, די
אָרעמע פון דער וועלט באַהאַלטען זיך צוזאַמען.
5 אַזוי ווי ווילדע עזלען אין דער וויסטע געהען זיי אַרויס
צו זייער אַרבייט, אין פריהען מאָרגען שטעהען זיי
אויף צו זייער רויב, די סטעפּע שטעלט צו שפּייז פאַר
זיי און זייער יונגוואַרג.
6 אין פעלד שניידען זיי (די אָרעמע) זיין תבואה, דעם וויינ־
גאָרטען פון דעם פאַרדאָרבענעם קלייבען זיי
אַרונטער.
7 נאַקעט נעכטיגען זיי איבער, אָהן אַ קלייד, אָהן אַ
צודעק אין דער קעלט.
8 פון דעם באַרג־רעגען ווערען זיי דורכגענעצט און אָהן
באַשיצונג טוליען זיי זיך צום פעלז.

9 זיי (די פארדארבענע) רויבען דעם יתום אוועק פון דער
ברוסט, פון דעם ארעמען דאס קלייד נעהמען זיי אלס
א משכון צו.
10 און זיי (די ארעמע) געהען נאקעט אהן א קליידונג,
און הונגעריגערהייד שלעפען זיי דעם גארב.
11 צווישען זייערע מויערען מאכען זיי אייל, זיי טרעטען
דעם וויין־קעלטער און זיינען (אליין) דורשטיג.
12 פון אנגסט קרעכצען די מענשען, די זעעלע פון
די טויטליך־פארוואונדעטע שרייט ארויס און גאט
האלט עס ניט פאר קיין לעסטערונג.
13 זיי זיינען די יעניגע וועלכע ווידערשפעניגען קעגען
דער ליכטיגקייט, זיי אנערקענען ניט זיינע (גאט'ס)
וועגען, זיי האלטען זיך ניט אויף זיינע שטעגען.
14 אין העלען טאג שטעהט אויף דער מערדער און טויט
דעם ארעמען, און ביי נאכט פארשטעלט ער זיך ווי
א גנב.
15 און דאס אויג פון דעם אויסגעלאסענעם ווארט אויף
די דונקעלהייט, זאגענדיג: „קיין אויג וועט מיך ניט
אנקוקען“, און ער טהוט אן א מאסקע אויף זיין
געזיכט.
16 זיי גראבען אונטער אין דער פינסטער די הייזער
וועלכע זיי האבען ביי טאג זיך אנגעצייכענט, זיי
ווייסען ניט פון ליכט.
17 דען דער מארגען פאר זיי איז אויך נאר דער שאטען

פון׳ם טויט; זיי זיינען באַקאַנט מיט די שרעקעני־
סען פון דעם שאָטען פון טויט.

18 פלינק זיינען זיי אויפ׳ן וואַסער. זייער שטיק לאַנד
ווערט פאַרפלוכט אויף דער ערד. זיי ווענדען זיך ניט
צו דעם וועג (וואָס פיהרט) דורך די וויינגערטנער.—

19 טריקעניש און היץ רויבען אַוועק די וואַסערען פון
שניי, אַזוי (רויבט) די גרוב די, וועלכע האָבען
געזינדיגט.

20 די געבערמוטער (וואָס האָט איהם געבאָרען) ווערט
אָן איהם פאַרגעסען, מיט געשמאַק וועט איהם דער
וואָרעם עסען, ער וועט ניט מעהר דערמאָנט ווערען.
אַזוי ווי אַ בוים וועט צובראָכען ווערען די אונגע־
רעכטיגקייט.

21 ער יאָגט זיך נאָך דער בעזדעטניצע וועלכע געבערט
ניט און בעהאַנדעלט די אַלמנה ניט גוט.

22 ער שלעפּט די שטאַרקע אַרונטער מיט זיין קראַפט, ער
שטעלט זיך אויף און (קיינער) איז ניט זיכער מיט
זיין לעבען.

23 ער (גאָט) לאָזט איהם זיין אין זיכערהייט, ער זאָל זיך
קענען פעסט אָנשפּאַרען, אָבער זיינע אויגען (האַלט
ער) אויף זיינע וועגען.

24 זיי ווערען דערהויכט אויף אַ קורצע ווילע און אָט
זיינען זיי ניט מעהר דאָ; זיי ווערען אַרונטערגע־
קלאַפּט, ווי אַלע (אַנדערע) ווערען זיי איינגעזאַמעלט,

און ווי דער שפּיץ פון זאנג ווערען זיי אָפּגעשניטען.
25 איז עס ניט אַזוי? ווער קען מיך אָפּלייקענען? ווער
קען מאַכען מיין וואָרט צו גאָרנישט? —

קאַפּיטעל כה.

1 און געענטפערט האָט בלדד דער שוחי און האָט געזאָגט:
2 געוועלטיגונג און שרעקליכע (מאַכט) זיינען ביי איהם
פאַראַנען, ער מאַכט פרידען אין זיינע הויכע
פּלעטצער,
3 איז דען דאָ אַ צאָהל צו זיינע פאָלקען? און אויף וועמען
שימערט ניט זיין ליכט?
4 ווי קען אַ מענש גערעכט זיין קעגען גאָט? ווי קען זיין
ריין דער וואָס איז פון אַ פרויענצימער געבאָרען?
5 ער פאַרדעקט די לבנה און זי שיינט ניט, און די שטערען
זיינען אין זיינע אויגען ניט ריין.
6 טאָ ווי שוין אַ מענש, אַ וואָרעם? אַ זוהן פון דער
ערד, אַ מילב?

קאַפּיטעל כו.

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:
2 מיט וואָס האָסטו דעם קראַפטלאָזען געהאָלפען, מיט
וואָס האָסטו דעם אָהנמעכטיגען אָרעם געשטיצט?
3 וואָס האָסטו געראַטהען דעם ניט־פאַרשטענדיגען?
וואו האָסטו פיעל קענטעניס אַנטפּלעקט?

4 מיט וועמענ (׳ס קראַפט) האָסטו (דיינע) ווערטער
גערעדט און וועמענ׳ס גייסט איז פון דיר אַרויסגע־
גאַנגען ? —

5 די טויטע שאָטענס שטעהען ווידער אויף פון אונטער
די וואַסערען און זייערע איינוואָוהנער.

6 נאַקעט איז פאַר איהם די אונטערערד, דער אָפּגרונד
האָט (פאַר איהם) קיין צודעק ניט.

7 ער בויגט אויס דעם צפון (־הימעל) אויף דעם פוסטען
רוים, ער הענגט אויף די ערד אויף גאָרנישט.

8 ער בינדט די וואַסערען אין זיינע וואָלקענס איין, און
ס׳פּלאַצען ניט די כמאַרעס אונטער זיי.

9 ער פאַרהילט די געשטאַלט פון זיין טהראָן און שפּרייט
איבער איהם זיין וואָלקען אויס.

10 ער מאַכט אַ צירקעל אַרום די וואַסערען, ער באַפעס־
טיגט אַ גרענעץ — צווישען ליכט און פינסטערניס.

11 די זיילען פון הימעל ווערען צוטרייסעלט און ווערען
צוטומעלט פון זיין געשריי.

12 דעם ים צורודערט ער מיט זיין קראַפט און מיט זיין
פאַרשטאַנד צוקלאַפּט ער (זיין) שטאָלץ,

13 פון זיין הויך ווערט דער הימעל אויסגעלייטערט, זיין
האַנד האָט בעשאַפען די רינגעלדיגע שלאַנג.

14 און דאָס זיינען בלויז אַ טהייל פון זיינע וועגען ! ווי
שוואַך איז דער מורמעל וועלכען מיר פאַרנעהמען

פון איהם! ד ע ם ד ו נ ע ר פון זיינע מעכטיגע
טהאטען ווער קען פארשטעהן?

קאפיטעל כז.

1 און איוב האט ווידער אנגעהויבען זיין ריידען און האט געזאגט:
2 (איך שווער) אזוי ווי עס לעבט דער גאט וועלכער האט אוועקגענומען מיין רעכט, און דער אלמעכטיגער וועלכער האט מיין זעעל פארביטערט: —
3 אזוי לאנג ווי עס איז דא מיין אטהעם אין מיר, און דער הויך פון גאט אין מיינע נאזלעכער,
4 וועלען מיינע ליפען ניט ריידען דאס וואס איז אונגערעכט, און מיין צונג וועט ניט זאגען קיין פאלשקייט.
5 באהיט מיך גאט איך זאל אייך רעכט געבען. — ביז איך וועל פארגעהן וועל איך ניט לאזען (קיינעם) אוועקנעהמען מיין עהרליכקייט פון מיר.
6 איך האב זיך פעסט געהאלטען אן מיין פרומקייט, און האב זי ניט אפגעלאזען, (קיין מאל) אין מיינע טעג האט מיר מיין הערץ קיין פארוואורף ניט געמאכט.
7 פארדארבען זאל יענער גערעכענט ווערען ווער עס איז מיין פיינד, א נידערטרעכטיגער — דער וואס איז מיין געגנער. —
8 וואס איז די האפענונג פון דעם פאלשען מענשען ווען ער געווינט (רייכטהום), אויב גאט שליידערט אוועק זיין זעעל (פון זיך)?

9 ווערט גאָט הערען זיין געשריי ווען אַ'ן אונגליק ווערט
אויף איהם קומען ? —

10 אויב ער וואָלט זיך געפרעהט מיט דעם אַלמעכטיגען,
וואָלט ער צו גאָט געקענט רופען צו יעדער צייט.

11 איך וועל אייך לערנען (דאָס וואָס איז) אין דער האַנד
פון גאָט, וואָס ביי דעם אַלמעכטיגען איז וועל איך
ניט פאַרהוילען. —

12 איהר אַלע האָט דאָך געזעהן, ווארום פלוידערט איהר
דען נארישקייטען ?

13 דאָס איז דער שיקזאַל וואָס דער שלעכטער מענש
קריגט פון גאָט, דאָס איז דער טהייל וואָס די אונטער־
דריקער קריגען פון דעם אַלמעכטיגען.

14 אויב זיינע קינדער מעהרען זיך איז דאָס בלויז פאַר'ן
שווערד, זיינע נאָכקומענדע וועלען ניט האָבען ברויט
צו זאַט.

15 די וועלכע בלייבען איבער נאָך איהם וועלען פון טויט
באַגראָבען ווערען, זיינע אלמנות וועלען (איהם) ניט
באַוויינען.

16 ווען ער זאָל אָנזאַמלען זילבער ווי שטויב, און קליידער
ווי לעהם אָנשאַפען,

17 ווערט ער בלויז אָנגרייטען און דער גערעכטיגער ווערט
אָנטהאָן, און מיט דעם זילבער וועלען זיך די אונ־
שולדיגע צוטהיילען.

18 ער בויט זיין הויז ווי אַ מאָיל, אַזוי ווי אַ ביידעל וואָס
דער וועכטער מאַכט.
19 אַ רייכער וועט ער זיך לעגען אָבער ער וועט ניט
געבראַכט ווערען (צו זיין קבר); מע עפענט בלויז
די אויגען און ער איז שוין ניטאָ.
20 אַ וויסטער שרעק וועט איהם אַזוי ווי אַ וואַסער אָניאָ־
גען, ביי דער נאַכט וועט איהם אַ שטורעם־ווינד
אַוועקרויבען.
21 דער מזרח־ווינד וועט איהם אויפהויבען און ער וועט
פאַרשווינדען, ער וועט איהם אַוועקבלאָזען פון זיין
פלאַטץ.
22 און ער וועט וואַרפען אויף איהם (אונגליקען) און
וועט (איהם) ניט שוינען. גערן וואָלט ער אַנטלאָפען
פון זיין האַנד.
23 מיט די הענד וועט מען ברעכען אויף איהם, מע וועט
(מיט די ליפען) שמוצערען אויף איהם דאָרט וואו
זיין פלאַטץ איז געוועזען.

קאַפּיטעל כח.

1 עס איז דאָ אַ פלאַטץ פון וועלכען זילבער קומט, אַ'ן
אָרט וואו גאָלד ווערט געלייטערט.
2 אייזען ווערט פון דער ערד גענומען און קופער ווערט
געשמאָלצען פון שטיין.
3 ער (דער מינע גראָבער) מאַכט אַ'ן ענד צו פינסטערניס;

ער פאַרשט אויס אַלע עקען, די שטיינער פון פינס־
טערנים און דעם שאָטען פון טויט.
4 זיי ברעכען אַ טונעל ווייט פון וואו מע וואוהנט, די
וועלכע זיינען פון (וואַנדערער׳ס) פיס פאַרגעסען, די
וועלכע זיינען אָרעם און זיינען פון מענשען אַוועק.
5 די ערד פון וועלכע עס קומט אַרויס ברויט ווערט אונ־
טען איבערקעהרט אַזוי ווי מיט פייער.
6 איהרע שטיינער זיינען דער פּלאַטץ פון סאַפּירען, און
דער שטויב פון גאָלד איז דאָרט פאַראַנען.
7 עס איז אַ שטעג וואָס דער רויב־פויגעל ווייס איהם
ניט, וואָס דאָס אויג פון דעם גייער האָט ניט אָנגע־
קוקט,
8 וואָס די ווילדע חיות האָבען ניט באַטרעטען, וואו דער
לייב איז ניט פאַרבייגעגאַנגען.
9 אויף דעם קיזעלשטיין לעגט ער (דער גאָלד גרעבער) זיין
האַנד, ער קעהרט איבער די בערג פון זייערע
וואָרצלען.
10 ער האַקט אויס קאַנאַלען אין די פעלזען און אַלע
טהייערע זאַכען זעהט זיין אויג.
11 ער האַלט צוריק די שטראָמען זיי זאָלען ניט פליסען
און ברינגט אַרויס די פאַרבאָרגענע זאַכען פאַר׳ן
ליכט.
12 אָבער די קלוגהייט — וואו געפינט זי זיך? וואו איז
דער פּלאַטץ פון דער פערנונפט? —

13 קיין מענש ווייס ניט איהר ווערטה; אויף דער ערד
פון די לעבעדיגע געפינט זי זיך ניט.
14 דער אָפּגרונד זאָגט: אין מיר איז זי ניט פֿאַראַנען,
און דער ים זאָגט: ביי מיר איז זי ניטאָ.
15 מע קען פֿאַר איהר קיין גינגאָלד ניט אָנבאָטען, קיין
זילבער קען ניט אָפּגעוואויגען ווערען פֿאַר איהר
פּרייז.
16 זי קען ניט געוואויגען ווערען מיט דעם גאָלד פֿון
אופיר, מיט דעם טהייערען אָניקס־שטיין אָדער מיט
סאַפּיר.
17 מע קען זי ניט אָפּשאַצען מיט גאָלד אָדער מיט גלאַז,
(מע קען ניט) אויסבייטען אויף איהר געשיר פֿון
ריינסטען גאָלד.
18 קאַרעלען און קריסטאַל דאַרף מען ניט דערמאָנען, דען
מעהר ווי פּערל (אפילו) איז דער ווערטה פֿון
קלוגהייט.
19 דער טאָפּאַז פֿון עטהיאָפּיען קען ניט גלייך צו איהר
געשאַצט ווערען, מיט דעם געלייטערסטען גאָלד קען
זי ניט געוואויגען ווערען. —
20 און פֿון וואַנען קומט די קלוגהייט? וואו איז דער
פּלאַטץ פֿון דער פֿאַרנונפֿט?
21 זי איז פֿאַרהוילען פֿון די אויגען פֿון אַלע לעבעדיגע,
פֿון דעם פֿויגעל פֿון הימעל איז זי פֿאַרבאָרגען.
22 דער אָפּגרונד און דער טויט זאָגען: מיר האָבען

(בלויז) מיט אונזערע אויערען געהערט א קלאנג
וועגען איהר.
23 גאט (אליין) פארשטעהט איהר וועג, און ער (אליין
נאר) ווייס איהר פלאטץ.
24 דען ער קוקט ביז די עקען פון דער ערד, ער זעהט
אונטער דעם גאנצען הימעל.
25 ווען ער האט באשטימט א געוויכט פאר דעם ווינד,
און איינגעשטעלט דאס וואסער מיט א מאס —
26 ווען ער האט געמאכט א געזעץ פאר'ן רעגען און א
וועג פאר'ן געוויטער —
27 דאן האט ער זי געזעהן און האט זי באקאנט געמאכט,
דאן האט ער זי פעסטגעשטעלט און האט זי אויס־
געפארשט.
28 און ער האט געזאגט צו דעם מענשען: מורא פאר
גאט דאס איז קלוגהייט, און אויסמיידען שלעכטס
איז — פארנונפט.

קאפיטעל כט.

1 און איוב האט ווידער אנגעהויבען זיין גערייד און האט
געזאגט:
2 א, ווען איך וואלט געווען ווי אין די מאנאטען פון
אמאל, ווי אין די טעג, ווען גאט פלעגט וואכען
איבער מיך.
3 ווען זיין ליכט פלעגט שיינען אויף מיין קאפ, ווען איך
פלעג געהן פאר זיין שיין אין דער פינסטערניס.

4 ווען איך בין געווען אין די טעג פון מיין יוגענד, ווען
די פריינדשאפט פון גאָט איז געווען אויף מיין
געצעלט.
5 ווען דער אַלמעכטיגער איז געוועזען מיט מיר און אַרום
מיך (זיינען געוועזען) מיינע באַדיענטע.
6 ווען מיינע טריט האָבען זיך געבאָדען אין מילך, און
דער פעלז האָט געגאָסען פאַר מיר בעכען מיט
בוימאייל.
7 ווען איך פלעג אַרויסגעהן פאַר דעם טהויער פון
שטאָדט, און פלעג אָוועקשטעלען אויף דער גאַס מיין
שטוהל,
8 האָבען יונגע לייט מיך געזעהן און זיך באַהאַלטען, און
אַלטע לייט האָבען זיך אויפגעהויבען און אָוועק־
געשטעלט.
9 פירשטען האָבען צוריקגעהאַלטען (זייערע) ווערטער
און האָבען די הענד אַרויפגעלעגט אויף זייער מויל.
10 גרויסע לייט האָבען זייער שטים בעהאַלטען, און
זייער צונג האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן זייער גומען.
11 דאָס אויער וואָס האָט געהערט (פון מיר) האָט מיך
געלויבט, און דאָס אויג וואָס האָט (מיך) געזעהן
האָט מיך פאַר אַ מוסטער געמאַכט.
12 דען איך פלעג ראַטעווען דעם אָרעמאַן ווען ער האָט
גערופען, דעם יתום — וואָס האָט קיין העלפער ניט
געהאַט.

13 די בענשונג פון דעם אונגליקליכען פלעגט אויף מיך קומען, און דאָס הערץ פון דער אלמנה פלעג איך פרעהליך מאַכען.

14 איך האָב עהרליכקייט אָנגעטהאָן און זי איז מיין קלייד געווען, ווי אַ מאַנטעל און אַ קאָפּ־טוך (פאַר מיר) איז געווען מיין גערעכטיגקייט.

15 איך בין געווען אויגען פאַר דעם בלינדען און פיס פאַר דעם הינקענדיגען בין איך געוועזען.

16 איך בין דער פאָטער (געווען) פון די נויטהבאַדירפטיגע, די קריוודע פון דעם יעניגען וואָס איך האָב (גאָר) ניט געקענט האָב איך נאָכגעזוכט.

17 און איך האָב צוּבראָכען די באַקצייהנער פון דעם נידערטרעכטיגען, און פון זיינע צייהנער האָב איך אַרויסגעריסען דעם רויב.

18 און איך האָב געזאָגט: אין מיין נעסט וועל איך שטאַרבען, און טעג פיעל ווי זאַמד וועל איך האָבען.

19 מיין וואָרצעל וועט זיין אָפּגעדעקט פאַר'ן וואַסער און דער טהוי וועט רוהען אויף מיינע צווייגען.

20 מיין עהרע וועט בלייבען פריש און מיין פיילענבויגען וועט זיך (מיט שטאַרקייט) באַנייען אין מיין האַנד.

21 צו מיר האָט מען געהאָרכט און געוואַרט, און שווייגענדיג געהערט מיין ראַטה.

22 נאָך מיין וואָרט האָט מען ניט מעהר גערעדט, מיין וואָרט איז געפאַלען אויף זיי ווי (טהוי).

23 און ווי אויף אַ רעגען האָבען זיי אויף מיך געוואַרט,
אַזוי ווי אויפ'ן שפּריי־רעגען האָבען זיי אויפגע־
שפּאַרט זייער מויל.
24 איך פלעג צו זיי אַ שמייכעל טהאָן און זיי פלעגען ניט
גלויבען (זייערע אויגען), דעם גלאַנץ פון מיין געזיכט
פלעגען זיי ניט וואַגען צו פאַרמינדערען.
25 איך פלעג (פאַר זיי) אויסקלייבען זייער וועג, איך פלעג
זיצען אויבענאָן, און פלעג וואוהנען ווי אַ קיניג
צווישען זיין אַרמיי, ווי איינער וואָס טרייסט די
וואָס טרויערען.

קאַפּיטעל ל.

1 און איצטער לאַכען פון מיר די וואָס זיינען אינגער אין
טעג פאַר מיר, וואָס איך האָב אַמאָל זיך געעקעלט
זייערע טאַטעס צו האַלטען צווישען די הינד פון
מיינע שאָף.
2 וואָס האָט מיר די קראַפט פון זייערע הענד געטויגט,
ווען איבער זיי איז שוין די עלטער אַריבערגע־
גאַנגען?
3 די נויטה־און הונגער־ליידענדע, די איינזאַמע, וועלכע
אַנטלויפען אין דער וויסטע אין פינסטערנים און
אונגליק און פאַרוויסטונג —
4 די וואָס פליקען קרייטעכצער ביי די קוסטעס און
יאַלאָוועץ־וואָרצלען זיינען זייער ברויט —

5 די וואָס ווערען אַרויסגעטריבען און מע שרייט זיי ווי אַ גנב נאָך —

6 די וואָס האַלטען זיך אויף אין די שפּאַלטען פון די טהאָלען, אין די לעכער פון דער ערד און אין די פעלזען —

7 וואָס קרעכצען צווישען די קוסטעס און טוליען זיך אונטער די דערנער —

8 די נידערטרעכטיגע וועלכע האָבען קיין נאָמען ניט, וואָס זיינען פון דער ערד פאַרשטויסען געוואָרען —

9 איצט בין איך געוואָרען זייער שפּאָט־געזאַנג, איצט בין איך פאַר זיי אַ (שפּאַס־) וואָרט געוואָרען.

10 זיי עקלען זיך מיט מיר, זיי דערווייטערען זיך פון מיר און מיידען ניט אויס מיר אין געזיכט צו שפּייען.

11 דען ער (גאָט) האָט לויזגעמאַכט דאָס שטריקעל (פון מיין בויגען) און האָט מיך אונטערדריקט. — זיי נעהמען אַרונטער די צוים (פון זייער מויל) קעגען מיר.

12 אויף מיין רעכטער זייט שטעלט זיך דאָס יונגוואַרג, זיי שטויסען אַוועג מיין פוס, זיי טרעטען אויס וועגען פון אומגליק פאַר מיר.

13 זיי צושטערען מיין שטעג, זיי אַרבייטען פאַר מיין בראָך, און ס'איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל מיר העלפען פון זיי.

14 ווי אַ ברייטער וואַסער־שטראָם קומען זיי, מיט געפּילדער קייקלען זיי זיך אַרויף.

15 שרעקען האָבען זיך אַרויפגעקעהרט אויף מיר, אַזוי ווי אַ שטורעם־ווינד פערפאָלגט עס מיין גרויסקייט און ווי אַ וואָלקען פאַרשוואונדען איז מיין רעטונג.

16 און איצט ווערט צוגאָסען מיין זעעל אין מיר, טעג פון ליידען האָבען מיך אַרומגענומען.

17 די נאַכט פּיקט מיינע ביינער אַרונטער פון מיר, און מיינע פארפאלגענדע (שמערצען) רוהען ניט.

18 צוליעב די גרויסע שטאַרקייט (פון מיין וועהטאָג) האָט זיך מיין הויט געביטען, אַזוי ווי מיין העמד גאַרטעלט ער (מיין שמערץ) מיך ארום.

19 ער האָט מיך אריינגעוואָרפען אין לעהם, צו שטויב און צו אַש בין איך געגליכען געוואָרען.

20 איך שריי צו דיר און דו ענטפערסט מיר ניט, איך שטעל זיך אויף און דו גלאָצסט מיך אָן.

21 גרויזאַם ביזטו געוואָרען קעגען מיר, מיט דער שטאַרקייט פון דיין האַנד פאַרפאָלגסטו מיך.

22 דו הויבסט מיך אויף און זעצסט מיך רייטען אויפ'ן ווינד, און דער שטורעם־געפּילדער צושרעקט מיך.

23 איך ווייס אַז דו וועסט מיך ברינגען צו דעם טויט, צו דעם פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון אלע לעבעדיגע.

24 אבער צו דעם הויפען ערד שטעקט ער מעהר קיין

האַנד ניט אוים. אין זייער אומגליק איז פאַר זיי אַ
רעטונג דאָ. —

25 האָב איך דען ניט געוויינט פאַר דעם שווער־באַדריק־
טען? האָט מיין זעעל ניט געקומערט פאַר דעם נויט־
באַדירפטיגען?

26 איך האָב געהאָפּט אויף גוטס און שלעכטס איז
געקומען, איך האָב געוואַרט אויף ליכט און געקומען
איז פינסטערניס.

27 מיינע אינגעווייד זיינען צוקאָכט און קענען זיך ניט
איינשטילען; טעג פון אַנגסט זיינען געקומען אויף
מיר.

28 פאַרשוואַרצט געה איך אום אָהן זונענליכט, איך
שטעה אויף פאַר אַ געזעמעל און שריי נאָך הילף.

29 איך בין אַ ברודער געוואָרען צו דעם קראָקאָדיל און אַ
קאַמעראַד פון די שטרויספויגלען.

30 מיין הויט איז שוואַרץ אויף מיר, מיינע ביינער
זיינען פון פיבער־היץ פאַרברענט.

31 מיין האַרף איז אין טרויער פאַרוואַנדעלט געוואָרען
און מיין פייפעל — אין אַ שטימע פון געוויין.

קאַפּיטעל ל"א.

1 איך האָב געשלאָסען אַ בונט מיט מייגע אויגען. וואָרום
זאָל איך זיך איינקוקען אויף אַ יונגפרוי?

2 וואָס איז די אויסטהיילונג פון גאָט אויבען? וואָס איז
די גאָב פון דעם אַלמעכטיגען אין דער הויך? —

3 אונגליק בלויז פאַר דעם פאַרברעכער, אַ שלעכטער
שיקזאַל פאַר די וואָס טהוען אונרעכט.

4 ער זעהט דאָך מיינע וועגען און אַלע מיינע טריט
צעהלט ער.

5 בין איך געגאַנגען מיט פאַלשקייט? האָט מיין פוס
זיך געאַיילט צו באַטרוג?

6 זאָל ער מיך וועגען אין ריכטיגע וואָגשאָלען, און גאָט
וועט וויסען מיין עהרליכקייט.

7 אויב מיין טריט האָט זיך אָבגענייגט פון וועג, אויב
מיין הערץ איז נאָכגעגאַנגען נאָך מיינע אויגען און
אָן מיינע הענד האָט זיך עפּעס אָנגעקלעפּט —

8 דאַן זאָל איך פאַרזייען און אַן אַנדערער זאָל אויפעסען,
און מיינע שפּראָצונגען זאָלען אויסגעוואָרצעלט
ווערען.

9 אויב מיין הערץ איז פאַרנאַרט געוואָרען פון אַ פרויענ־
צימער, און ביי דער טהיר פון מיין פריינד האָב איך
געלויערט —

10 דאַן זאָל מיין ווייב מאָהלען פאַר אַנדערע, און פרעמדע
זאָלען קניען איבער איהר.

11 דען דאָס איז אַ שענדילכע טהאָט, אַ פאַרברעך פאַר
געריכט.

12 דאָס איז אַ פייער וואָס פאַרצעהרט ביז׳ן אָבגרונד, און
וואָלט אַלע מיינע תבואות אויסגעוואָרצעלט. —

13 אויב איך האָב פאַראַכטעט דאָס רעכט פון מיין

קנעכט און מיין דיענסט, אין זייער קריוודע קעגען מין' —

14 וואָס וואָלט איך געטהאָן ווען גאָט זאָל אויפשטעהן? ווען ער זאָל זיך ערקונדיגען, וואָס וואָלט איך איהם געענטפערט?

15 דער וואָס האָט מיך אין לייב געשאַפען האָט דאָך אויך איהם באַשאפען, אויף איין שטייגער האָט ער אונז אין געבערמוטער געפורעמט. —

16 אויב איך האָב אָבגעזאָגט דעם פאַרלאַנג פון די דער־שלאָגענע, און האָב געלאָזען די אויגען פון דער אלמנה אויסגעהן,

17 און האָב געגעסען אַליין מיין ברויט און קיין יתום האָט פון איהם ניט פאַרזוכט,

18 (דען פון דער יוגענד איז ער (דער יתום) מיט מיר ווי מיט אַ פאטער אויפגעוואַקסען געוואָרען און פון געבערמוטער האָב איך זי (די אלמנה) ווי אַ מאַמע אַרומגעפיהרט) —

19 אויב איך האָב געזעהן דעם אונגליקליכען אָהן אַ קלייד און דעם נויטהבאַדירפטיגען אָהן אַ צודעק,

20 און זיינע לענדען האָבען מיך ניט געבענשט און ער האָט זיך פון מיינע לעמער'ס וואָל ניט דערוואַ־רעמט —

21 אויב איך האָב אויפגעהויבען קעגען דעם יתום מיין

האַנד, ווען איך האָב געזעהן מיינע מיטהעלפער אין
טויער (פון שטאָדט) —
22 דאַן זאָל מיין אַקסעל אַרונטערפאַלען פון מיין קאַרג,
און אויסגעבראָכען זאָל ווערען מיין אָרעם פון זיין
געלענק.
23 דען גאָט'ס שטראָף איז געווען מיין שרעק, אַקעגען זיין
גרויסקייט האָב איך גאָרניט געקענט (טהאָן). —
24 אויב איך האָב אין גאָלד געלעגט מיין צוטרוי און צו
גינגאָלד געזאָגט : (דו ביסט) מיין זיכערקייט —
25 אויב איך האָב זיך געפרעהט ווען מיין פערמעגען האָט
זיך פאַרמעהרט, ווען מיין האַנד האָט פיעל אנגע־
האַבעוועט —
26 אויב איך האָב געזעהן דאָס ליכט ווי עס שיינט און די
לבנה פרעכטיג געהענדיג,
27 און מיין הערץ איז אין געהיים פאַרפיהרט געוואָרען
און מיין האַנד האָט זיך צוגעדריקט צו מיין מויל (צו
פאַרבאָרגען מיין אַבזיכט) —
28 דאָס וואָלט אויך געווען אַ פאַרברעך פאַר געריכט,
דען איך וואָלט געהאַט געלייקענט אָן גאָט (וואָס
זיצט) אויבען. —
29 האָב איך זיך געפרעהט מיט דעם אונגליק פון
מיין פריינד און בין לוסטיג געווען ווען איהם האָט
אַ שלעכטער צופאַל פאַסירט ? —
30 איך האָב מיין גומען ניט געלאָזען זינדיגען, צו בעטען

(אפילו) אַ פלוך אויף זיין זעל. —

31 האָבען דען ניט די מענשען פון מיין געצעלט געזאָגט: אַ ווער גיט אונז זיין פלייש מיר ווּלען (קיינמאָל) ניט זאט האָבען דערפון? —

32 דרויסען האָט דער פרעמדער ניט גענעכטיגט, מיינע טהירען האָב איך אויפגעמאַכט פאַר דעם גאַסט.

33 האָב איך מיינע פאַרברעכען פאַרדעקט אַזוי ווי אַ (נידריגער) מענש, באַהאַלטענדיג מיין זינד אין מיין בוזעם? —

34 איך ציטער פאַר דעם פעבעל פון דער גרויסער שטאָדט, די אויסוואורפען פון פאַמיליעס ווארפען אַ שרעק אויף מיך. איך שווייג און געה ניט פון דער טהיר אַרויס. —

35 אַ ווען איך וואָלט אַ צוהערער געהאַט! אָט איז מיין קלאָגעשריפט, דער אַלמעכטיגער זאָל מיר ענטפערן; אַ, ווען מיין געגנער וואָלט אָנשרייבען זיין באַשולדי־גונגס־שריפט.

36 איך וואָלט זי אויף מיין שולטער געטראָגען, איך וואָלט זי אָנבינדען ווי אַ קרוין (אויף מיין קאָפּ).

37 איך וואָלט איהם אויסזאָגען די צאָהל פון מיינע טריט, ווי אַ פירסט וואָלט איך איהם אויפנעהמען. —

38 אויב די ערד שרייט קעגען מיך, אויב איהרע בעעטען וויינען,

39 אויב איך האָב אויפגעגעסען איהר קראַפט

אָהן געלד, און האָב געקריינקט דעם געמיטה פון
איהרע אייגענטהימער —
40 זאָל שטאט ווייץ אַ דאָרען אַרויסשפּראָצען און שטאט
גערשטען—ווילדע גראָז. — דאָ האָבען זיך געענדיגט
די ווערטער פון איוב׳ן.

קאַפּיטעל ל״ב.

1 און די דאָזיגע דריי מענער האָבען אויפגעהערט צו
ענטפערן איוב׳ן דען ער איז געווען גערעכט אין
זיינע אויגען.
2 און אָנגעצונדען האָט זיך דער צאָרען פון אליהוא דעם
זוהן פון ברכאל פון דער שטאדט בוז פון דער פאַמי־
ליע רם. אויף איוב׳ן האָט געברענט זיין צאָרען
ווייל ער האָט זיך מעהר גערעכט געגעבען ווי גאָט.
3 און אויף זיינע דריי פריינד האָט געברענט זיין צאָרען
פאַר וואָס זיי האָבען קיין ענטפער ניט געפונען, און
האָבען (בלויז) באַשולדיגט איוב׳ן.
4 און אליהוא האָט געוואַרט מיט זיינע רייד צו איוב׳ן
ווייל זיי זיינען געוועזען עלטער אין טעג פון איהם.
5 און אליהוא האָט געזעהן אַז עס איז קיין ענטפער ניט
פאַראַנען אין דעם מויל פון די דריי מענער און זיין
צאָרען האָט זיך אָנגעצונדען.
6 און אליהוא דער זוהן פון ברכאל פון בוז האָט געענט־
פערט און האָט געזאָגט: יונג בין איך אין טעג און

איהר זייט גרייזען, דאַריבער האָב איך געציטערט, און האָב מורא געהאַט אַרויסצוזאָגען מיין מיינונג פאַר אייך.

7 איך האָב געזאָגט: לאָזען טעג רעדען, פיעל יאָהרען זאָלען די קלוגהייט ערקלערען.

8 אבער עס איז בלויז דער גייסט אין מענשען, דער הויך פון דעם אַלמעכטיגען וואָס גיט איהם פאַרשטאַנד.

9 ניט די גרויסע לייט זיינען (אַלע מאָל) קלוג און ניט די אַלטע פאַרשטעהען (אַלע מאָל) וואָס איז גערעכט.

10 דאַריבער זאָג איך: הער מיך צו, לאָמיך אויך אַרויס־זאָגען מיין געדאַנקען.

11 איך האָב געהאַרט אייערע רייד, איך האָב אויפמערק־זאַם צוגעהערט אייערע באַווייזען ביז איהר האָט אויסגעזוכט די ריכטיגע ווערטער.

12 דאָך איך קוק זיך צו צו אייך, און עס איז ניטאָ איינער וואָס זאָל איוב׳ן איבערצייגען, איינער פון אייך וואָס זאָל ענטפערן אויף זיינע ווערטער.

13 דאַריבער, זאָלט איהר ניט זאָגען: מיר האָבען די קלוג־הייט געפונען: — גאָט האָט איהם אַרונטערגעשטוי־סען און ניט אַ מענש. —

14 אָבער צו מיר האָט ער ניט (זיינע) ווערטער געווענ־דעט, און איך וועל איהם ניט מיט א י י ע ר ע רייד ענטפערן. —

15 צוציטערטע זיינען זיי געוואָרען און האָבען ניט

גענטפערט מעהר; די ווערטער האָבען זיך אָב־
געטהאָן פון זייער מויל.

16 איך האָב געוואַרט אָבער זיי ריידען ניט, דען זיי
זיינען געבליבען שטעהן און ענטפערען מעהר ניט.

17 לאָמיך אויך ענטפערען מיין טהייל, לאָמיך ארויסזאָגען
מיין געדאַנקען אויך.

18 דען איך בין מיט ווערטער אָנגעפילט, מיך דריקט דער
אָטהעם אין מיין בוזעם.

19 מיין לייב איז (פול ווי מיט) ווײן וועלכען מען האָט
נאָך ניט אויפגעעפענט, ווי נייע לאָגלען וועלכע
זיינען גרייט פאַנאַנדערצופלאַצען.

20 איך וועל ריידען און מיר וועט גערוימער ווערען, איך
וועל עפענען מיינע ליפען און איך וועל ענטפערען.

21 איך וועל ניט שוינען קיין מענשען און קיין זוהן פון
דער ערד וועל איך ניט חנפ׳ענען מיט לויב־נעמען.

22 דען איך ווײס ניט ווי צו חנפ׳ענען מיט לויב־נעמען,
זאָנסט וואָלט מיך מיין באַשעפער שנעל אוועקנעה־
מען (פון דאַנען).

קאפיטעל ל״ג.

1 אבער הער נאַר, איוב, מיינע ווערטער; אַלע מיינע
רייד זאָלסטו פאַרנעהמען.

2 איך האָב אויפגעעפענט מיין מויל, מיין צונג פון מיין
גומען רעדט.

3 פון מיין הערצענ'ס עהרליכקייט קומען מיינע רייד, און וואס מיינע ליפען וויסען דאס זאגען זיי קלאר ארוים.
4 דער הויך פון גאט האט מיך געשאפען, און דער אטהעם פון דעם אלמעכטיגען באלעבט מיך.
5 אויב דו קענסט ענטפער מיר. גרייט זיך צו און שטעל זיך קעגען מיר.
6 איך בין דאך אזוי ווי דו אין קראפט, איך בין דאך אויך ווי דו פון לעהם אויסגעשניטען געווארען.
7 מיין מורא שרעקט דיך דאך ניט, מיין גרויסקייט דריקט דאך ניט שווער אויף דיך.
8 אבער דו האסט אין מיינע אויערען געזאגט, און דעם קלאנג פון (דיינע) ווערטער האב איך פארנומען:
9 „ריין בין איך, אהן פארברעכען; לויטער בין איך, און איך האב ניט קיין זינד.
10 „בלבולים בלויז געפינט ער אויף מיר, ער האלט מיך פאר זיין פיינד.
11 „ער טהוט אריין מיינע פיס אין א שווערען קלאץ, ער פאסט אויף אלע מיינע וועגען."
12 אט דערין ביסטו ניט גערעכט — ענטפערען וויל איך דיר. דען גאט איז גרעסער פון מענשען.
13 ווארום קריגסטו זיך מיט איהם, פאר וואס ער זאגט ניט אוים אלע זיינע אויפטהוען?
14 איין מאל רעדט גאט און א צווייטעס, אבער ער (דער מענש) באמערקט עס ניט.

15 אין אַ טרוים־זעהונג פון דער נאַכט, ווען עס פאַלט אַ
שלאָף אויף די מענשען, אין שלומער, אויפ'ן געלעגער.
16 דאַן דעקט ער אויף דאָס אויער פון דעם מענשען און
פאַרזיגעלט עס מיט זיין וואַרנונג.
17 אום אָפּצוקעהרען דעם מענשען פון אַ (געוויסער)
טהאַט, און צו אונטערדריקען דעם שטאָלץ פון דעם
מענשען.
18 ער רעטעט (דאַדורך) זיין זעעל פון דעם גרוב, און זיין
לעבען פון פאַרגעהן דורכ'ן שווערד. —
19 ווען ער (דער מענש) ווערט געשטראָפט מיט וועהטאָ־
גען אויף זיין געלעגער און דער שטרייט פון זיינע
ביינער איז שטאַרק,
20 און זיין געשמאַק עקעלט זיך מיט ברויט, און זיין
זעעל — מיט דער אַנגענעהמסטער שפּייז,
21 (און) זיין פלייש ווערט אָפּגעצעהרט פון געזיכט, זיינע
ביינער ווערען איינגעשרומפּט און זעהען זיך ניט אָן,
22 און עס דערנעהנטערט זיך צו דער גרוב זיין זעעל און
זיין לעבען צו די טייטענדע (ענגעל) —
23 אויב עס איז דאָ בלויז איין פאַרטהיידיגענדער ענגעל
פון טויזענד צו דערצעהלען דעם מאַנ'ס עהרליכקייט,
24 דאַן באַגנאַדיגט ער איהם און ער זאָגט: לייז איהם
אויס פון אַרונטערצוגעהן אין גרוב, איך האָב דעם
אויסלייז־פּרייז געפונען.
25 זיין פלייש ווערט ווידער ווי אין דער קינדהייט פול,

ער קעהרט זיך אום ווידער צו די טעג פון דער יוגענד.
26 ער בעט גאָט און ער באַוויליגט איהם און ער קוקט
אָן זיין געזיכט מיט לייטזעליגקייט דער ער באַ־
צאָהלט דעם מענשען פאַר זיין גערעכטיגקייט.
27 ער פאַרזאַמעלט דאָן מענשען (אַרום זיך) און ער
זאָגט: איך האָב געזינדיגט, איך האָב פאַרדרעהט
דאָס וואָס איז גערעכט, אָבער עס האָט זיך מיר ניט
געלוינט. —
28 ער האָט מיין זעעל אויסגעלייזט פון צו געהן אין גרוב
און מיין לעבען זעהט (ווידער) דאָס ליכט. —
29 אָט די אַלע זאַכען טהוט גאָט איין מאָל און צוויי מאָל
מיט אַ מענשען,
30 אום צו רעטען זיין זעעל פון דער גרוב אום זי זאָל
באַלויכטען ווערען מיט דעם שיין פון לעבען.
31 האָרך, איוב, און הער מיר צו; שווייג און איך וועל
רעדען.
32 אויב דו האָסט ווערטער ענטפער מיר — דען מיר
ווילט זיך דיך גערעכט מאַכען,
33 אויב ניט, הער זיך צו צו מיר; שווייג און איך וועל
דיך לערנען קלוגהייט.

קאַפּיטעל ל״ד.

1 און אליהוא האָט אָנגעהויבען און האָט געזאָגט:
2 הערט, איהר קלוגע, מיינע ווערטער; איהר וועלכע
באַזיצט קענטעניס, האָרכט מיר איין.

3 דען דאָס אויער פּרובירט די ווערטער אַזוי ווי דער גומען פאַרשטעהט זיך אויף עסען.

4 זאָלען מיר וועהלען אונזער אורטהייל, זאָלען מיר צווישען אונז וויסען וואָס איז ריכטיג.

5 דען איוב האָט געזאָגט: אונשולדיג בין איך און גאָט האָט אַוועקגענומען מיין רעכט.

6 זאָל איך פאַרלייקענען מיין קריוודע? שמערצליך איז די פייל (וואָס האָט מיך געטראָפען) אָהן אַ פאַרברעך.

7 ווער איז דער מאַן וואָס אַזוי ווי איוב טרינקט שפּאָט ווי וואַסער?

8 ער וועט זיך אָנשליסען צו די באַנדע פון פאַרברעכער און געהן צוזאַמען מיט די מענער פון אונגערעכטיגקייט.

9 דען ער זאָגט: דער מענש קען גאָר ניט נוצען מיט דעם וואָס ער זוכט צו געפעלען גאָט.

10 דאַריבער, איהר מענער מיט פאַרשטאַנד, הערט מיר צו. ווייט איז גאָט פון (צו טהאָן) שלעכטס און דער אַלמעכטיגער — פון אונגערעכטיגקייט.

11 די טהאַט פון דעם מענשען באַצאָהלט ער איהם, נאָך דער פיהרונג פון דעם מענש, אַזוי שיקט ער איהם צו.

12 דען גאָט וועט ניט שולדיג מאַכען (אומזיסט), דער אַלמעכטיגער וועט די גערעכטיגקייט ניט פאַרדרעהען.

13 ווער האָט געשטעלט די ערד אונטער זיין אויפ־
פּאַסונג ? ווער האָט די גאַנצע וועלט באַשאַפען ?

14 ווען ער זאָל אויף איהם (דעם מענשען) בלויז ווענדען
זיין אויפמערקזאַמקייט און זיין גייסט און זיין
אָטהעם צוריק צו זיך איינזאַמלען,

15 פאַרגעהן וואָלט יעדער לייב, און דער מענש וואָלט זיך
אומקעהרען צוריק צום שטויב.

16 אויב דו ווילסט פאַרשטעהן, הער דאָס צו ; פאַרנעהם
דעם קלאַנג פון מיינע ווערטער.

17 צי קען דען האַסען די גערעכטיגקייט דער וואָס איז
דער רעגיערער ? צי דעם מעכטיגען, דעם גערעכ־
טען ווילסטו באַשולדיגען ?

18 קען מען זאָגען צו דעם קיניג : נידערטרעכטיגער ?
צו דעם גרויסמוטהיגען : — פאַרברעכער ? —

19 ער שוינט ניט די פירסטען ; דער רייכער ווערט ניט
אַנערקענט מעהר ווי דער נויטהבאַדירפטיגער, דען
זיי אַלע זיינען דאָס ווערק פון זיינע הענד.

20 אין איין ווייל שטאַרבען זיי, אין מיטען נאַכט ווערען
זיי מאַסענווייז אַוועקגעשטורעמט, און זיי פאַרגעהען,
און קראַפטלאָז ווערט דער מעכטיגער אָפּגעשאַפט.

21 דען זיינע אויגען זיינען אויף די וועגען פון דעם מענ־
שען, ער זעהט אַלע זיינע טריט.

22 עס איז ניטאָ קיין פינסטערניס און קיין שאָטען פון

טויט, וואו די וואָס טהוען אונרעכט זאָלען זיך קענען
באַהאַלטען.

23 דען ער דאַרף אויף דעם מענשען ניט לעגען (זיין אויפ־
מערקזאַמקייט) לאַנג אום ער זאָל קומען צו גאָט
פאַר'ן געריכט. —

24 ער צושמעטערט די שטאַרקע, גאָר ניט פאָרשענדיג,
און שטעלט אַנדערע אויף זייער פּלאַץ.

25 ווייל ער ווייס זייערע טהאַטען. (דאַריבער) קעהרט
ער (זיי) אום אין איין נאַכט און זיי ווערען צו־
קוועטשט.

26 ווייל זיי זיינען געוועזען פאַרברעכער האָט ער זיי צו־
שמעטערט, אין אַ פּלאַץ וואו (אַלע) זעהען.

27 ווייל זיי האָבען זיך פון איהם אָפּגעקעהרט, זיינע
וועגען האָבען זיי ניט באַטראַכט.

28 און האָבען אויף זיך אַראָפּגעבראַכט דאָס געשריי פון
דעם אָרעמען, און ער הערט דעם הילף־רוף פון די
געדריקטע. —

29 ווען ער לאָזט צו־רוה, ווער וועט באַשולדיגען? — ווען
ער באַהאַלט זיין געזיכט ווער וועט איהם אָנזעהן?—
אויב דאָס איז קעגען אַ פאָלק אָדער קעגען אַ מענשען.

30 ער האַלט אָפּ דעם באַטריגער פון געוועלטיגען און דאָס
פאָלק — פון שטרויכלונגען. —

31 צו גאָט זאָל מען זאָגען: איך האָב געליטען און איך
וועל מעהר ניט זיין פאַרדאָרבען.

32 וואָס איך זעה ניט זאָלסטו מיך ווייזען; אויב איך האָב געטהאָן אונרעכט, וועל איך עס מעהר ניט טהאָן.
33 זאָל ער (גאָט) באַלויהנען לויט ווי דיר קומט אויס, לויט ווי דו ווילסט ניט אָדער קלייבסט יא אויס און ניט ווי איך? — און וואָס דו ווייסט, רייד.
34 מענשען מיט פאַרשטאַנד און דער קלוגער מאַן וואָס הערט מיך וועלען זאָגען:
35 איוב רעדט אָהן פאַרנונפט און זיינע ווערטער זיינען אָהן א זינן.
36 אָ ווי איך וואָלט געוואָלט אַז איוב זאָל נאָכאַנאַנד פּרובירט ווערען, אַלס אַן ענטפער צו די מענער וואָס טהוען אונרעכט!
37 דען ער לעגט נאָך צו פאַרברעכען צו זיינע זינד, ער זיצט און ברעכט מיט די הענד צווישען אונז און ער מעהרט זיינע ווערטער קעגען גאָט.

קאַפּיטעל ל"ה.

1 און אליהו האָט אָנגעהויבען און האָט געזאָגט:
2 רעכענסטו דו דאָס פאַר אַ טענה ווען דו זאָגסט: איך בין גערעכטער פון גאָט?
3 ווען דו זאָגסט: וואָס פאַר אַ נוץ וועסטו האָבען? וואָס וועל איך מעהר אויפטהון (מיט מיין פרומקייט) ווי מיט מיין זינדיגען?

4 וועל איך דיר מיט דיינע פריינד ענטפערען מיט (די)
ווערטער:
5 קוק אין די הימלען און זעה, בליק אָן דעם הימעל־
געוועלב ווי הויך איבער דיר ער איז.
6 ווען דו זינדיגסט, מיט וואָס ווירקסטו אויף איהם?
ווען דיינע פאַרברעכען מעהרען זיך וואָס טהוסטו
איהם?
7 ווען דו ביסט פרום וואָס גיסטו איהם, אָדער וואָס
נעהמט ער פון דיין האַנד?
8 אויף אַזאַ מענשען ווי דו (פאַלט) דיין שלעכטקייט און
אויף אַ זוהן פון ערד — דיין גערעכטיגקייט.
9 צוליעב די פיעל אונטערדריקטע שרייען זיי (די מענ־
שען), זיי רופען הילף קעגען דעם אָרעם פון די
שטאַרקע.
10 און קיינער זאָגט ניט: וואו איז דער גאָט וואָס האָט
מיך באַשאַפען, דער וואָס שענקט פרייד־געזאַנגען
אין נאַכט (־פינסטערניסען)?
11 דער וואָס האָט אונז געלערנט מעהר פאַר אַלע טהיע־
רען פון דער ערד, און האָט אונז געמאַכט קליגער
פאַר אַלע הימעל־פויגלען?
12 זיי שרייען דאָרטען און ער ענטפערט ניט, צוליעב
דעם שטאָלץ פון די שלעכטע.
13 דען פאַלשקייט הערט גאָט ניט צו, דער אַלמעכטיגער
קוקט זי ניט אָן.

14 דו זאָגסט דו זעהסט איהם ניט, דאָך ברינג דיין משפט
פאַר איהם און פאַרלאָז זיך אויף איהם.
15 אָבער ווייל (איוב טהוט) ניט אַזוי האָט ער איהם
באַשטראָפט מיט זיין צאָרען, און ער (איוב) פאַר־
שטעהט ניט זיינע גרויסע זינד.
16 און איוב עפענט אומזיסט אויף זיין מויל, אָהן פאַר־
שטאַנד זאַמעלט ער ווערטער.

קאַפּיטעל ל"ו.

1 און אליהו האָט אָנגעהויבען און האָט געזאָגט:
2 וואַרט מיר אַ ווײלע און איך וועל דיר ערקלערען, דען
עס זיינען פאַראַנען נאָך מעהר ווערטער (צו זאָגען)
פון גאָט'ס וועגען.
3 איך וועל אויפהייבען מיין געדאַנקען צו דעם וואָס איז
פון דערווייטען, און גערעכט געבען וועל איך מיין
באַשעפער.
4 אין מיינע ווערטער איז קיין ליגען ניט פאַראַנען, אויפ־
ריכטיג אין מיינע געדאַנקען בין איך מיט דיר. —
5 גאָט איז מעכטיג אבער ער פאַראַכטעט (קיינעם) ניט,
ער איז מעכטיג מיט דער שטאַרקייט פון זיין פאַר־
שטאַנד.
6 ער לאָזט די פאַרדאָרבענע ניט (לאַנג) לעבען, און די
געדריקטע פאַרשאַפט ער גערעכטיגקייט.
7 ער נעהמט ניט זיין אויג אַרונטער פון דעם גערעכטי־

גען, (זיי זיצען) מיט קיניגען אויפ'ן טהראָן, ער זעצט
זיי אַוועק אויף שטענדיג און זיי ווערען דער־
הויבען. —

8 אויב זיי זיינען געפאַנגען אין קייטען, אויב זיי ווערען
באַצוואונגען אין די נעצען פון נויטה,

9 דאַן דערצעהלט ער זיי וואָס זיי האָבען געטהאָן און
די זינד זייערע וועלכע האָבען זיך פאַרשטאַרקט,

10 און ער דעקט אויף זייער אויער פאַר (זיינע) שטראָפ־
רייד, און ער הייסט זיי זיי זאָלען זיך אומקעהרען פון
אונגערעכטיגקייט.

11 אויב זיי געהאָרכען און דיענען (איהם) דאַן וועלען זיי
ענדיגען זייערע טעג אין גוטס און זייערע יאהרען אין
פאַרגעניגען.

12 און אויב זיי געהאָרכען ניט דאַן וועלען זיי מיט'ן
שווערד אַוועגגעהן, און זיי וועלען פאַרגעהן ווייל זיי
האָבען קיין פאַרשטאַנד ניט.

13 אבער די פאַלש־הערציגע האַלטען אָן זייער צאָרען, זיי
בעטען ניט הילף ווען ער בינדט זיי.

14 אין יוגענד וועט שטאַרבען זייער זעעל און זייער
לעבען (וועט אונטערגעהן) צוזאמען מיט די נואפים
(אויסגעלאַסענע).

15 ער ציהט אַרויס דעם באַדריקטען פון זיין באַדריקונג,
און אין נויטה דעקט ער אויף זיין אויער. —

16 ער וואָלט דיך אויך אַרויסגעצויגען פון דעם פיינד'ס

מויל אויף אַ ברייטען רוים וואו עס איז ניטאָ קיין ענגשאַפט, און די שפּייז פון דיין טיש וואָלט געווען פול מיט פעטקייט.

17 אבער דו ביסט פול מיט די טענות פון אַ פאַרברעכער, (דאַריבער) האַלטען דיך פעסט (גאָט'ס) אורטהייל און שטראָף.

18 דען עס איז (אויף דיר) אַ צאָרען און (היט זיך) ער זאָל דיך ניט אָוועגשטויסען מיט זיין קלאַפּ, אַ גרויס אויסלייז־געלד וועט דיך (דאַן) ניט רעטען.

19 וועט ער דען אַכטען דיין פאַרמעגען? — ניין, ניט טהייערע מעטאַלען, און ניט אַלע מיטלען פון רייכטהום.

20 שטרעב ניט צו יענער נאַכט ווען פעלקער ווערען פאַרשוואונדען פון זייערע פּלעצער.

21 היט זיך, קעהר זיך ניט צו גאָטלאָזיגקייט, דען בלויז פון ליידען האָסטו זי (די גאָטלאָזיגקייט) אויסגע־וועהלט.

22 גאָט איז ערהאַבען אין זיין מאַכט, ווער איז אַזאַ לעהרער ווי ער? —

23 ווער קען באַשטימען פאַר איהם זיין וועג? ווער קען זאָגען צו איהם: דו האָסט אַ'ן אונרעכט געטהאָן?

24 געדענק (צו אַכפּערן און) צו גרייסען די ווערק זיינע וואָס (אַלע) מענשען האָבען געזעהן.

25 אַלע מענשען האָבען עס אָנגעקוקט, יעדער מענש האָט
עס אָנגעבליקט פון דער ווייטען.
26 גאָט איז גרויס און מיר פאַרשטעהען ניט ; די צאָהל
פון זיינע יאהרען איז ניט צו דערפאָרשען.
27 ער זאַמעלט איין די טראָפּענס וואַסער און זיי ווערען
אין זיין נעבעל געלייטערט אויף רעגען.
28 די הימלען פליסען, און טריעפען אויף מאַסען פון
מענשען.
29 און פאַרשטעהט (ווער) די אויסשפּרייטונגען פון די
וואָלקען ? דאָס געפּילדער פון זיין געצעלט ?
30 ער פאַרשפּרייט דאַרויף זיין ליכט און ער פאַרהילט
די וואָרצלען פון דעם ים.
31 מיט זיי רעגיערט ער די פעלקער, און שענקט (זיי)
פיעל שפּייז.
32 ער באַדעקט זיינע הענד מיט דעם שימער (פון בליץ)
און באַפעהלט (די כמארע) קעגען (זיין) אָנגרייפער
(ארויסצוגעהן).
33 זיין (דונער־) ליאַרעם דערצעהלט פון איהם (און) דער
גרימצאָרן פון דעם שטורעם־ווינד.

קאַפּיטעל ל"ז.

1 דאַריבער ציטערט מיין האַרץ און שפּרינגט פון זיין
פלאַטץ.
2 אָ הערט דעם טרייסעל פון זיין שטים, דאָס
ברומען (פון שטורעם) וואָס געהט פון זיין מויל אַרויס.

3 אונטער דעם גאַנצען הימעל לאָזט ער עס לויז, און זיין
בליץ — ביז די עקען פון דער ערד.
4 הינטער איהם (דעם בליץ) ברילט אַ שטים און ער
דונערט וואונדערבאַר מיט זיין קול; ער האַלט זיי
ניט איין, דאַמיט זיין ליאַרעם זאָל געהערט ווערען.
5 גאָט דונערט מיט זיין ערהאַבענער שטים, ער טהוט
אויף גרויסע זאַכען און מיר ווייסען ניט.
6 ער זאָגט צו דעם שנעע: זיי אויף דער ערד, און אויך
צו דעם שלאַקס-רעגען, און צו דעם רעגען פון זיינע
מעכטיגע אויסגוסען.
7 (און) ער הינדערט יעדע מענשענהאַנד (פון ארבייט) כדי
אַלע מענשען, וואָס ער האָט באַשאַפען, זאָלען עס
ווייסען.
8 דאַן פאַררוקט זיך די חיה אין איהר רוה-אָרט, אין איהר
נאָרע בלייבט זי ליעגען.
9 פון (זיין) קאַמער קומט אַרויס דער שטורעם-ווינד, פון
דעם צפון קומט אָן די קעלט.
10 פון גאָט'ס הויך ווערט דאָס אייז פאַרגליווערט, און די
ברייטע וואַסערען ווערען האַרט.
11 און מיט פייכטקייט לאָדט ער אָן דעם וואָלקען, און ער
שפּרייט זיין בליץ-חמאַרע פאַנאַנדער.
12 דורך זיין אויסרעכנונג דרעהען זיי זיך רונד אַרום, צו
טהון די אַרבייט לויט ווי ער באַפעהלט זיי אויף דער
ע־דישער וועלט.

13 ענטוועדער אַלס שטראָף פֿאַר דער ערד, אָדער אלס אַ
גענאָד שיקט ער עס אַרונטער. —
14 פֿאַרנעהם דאָס, איוב, שטעה און באַטראַכט די וואונ־
דער־טהאַטען פֿון גאָט.
15 ווייסטו דען ווי גאָט לעגט אַרויף (זיין געזעץ) אויף זיי;
און ווי ער לאָזט זיין וואָלקען־בליץ ערשיינען?
16 ווייסטו ווי די וואָלקענס באַלאַנסירען זיך? די וואונ־
דערליכע טהאַטען פֿון איהם וועמענס געדאַנקען עס
זיינען פֿאָלקאָמען?
17 דו, וואָס דיינע קליידער זיינען וואַרעם ווען דער דרום־
ווינד ווערט שטיל אויף דער ערד —
18 האָסטו מיט איהם צוזאַמען אויסגעצויגען די הימלען,
פֿעסט ווי שפּיגעל אויסגעגאָסען? —
19 טאָ לאָז אונז וויסען וואָס מיר זאָלען איהם זאָגען.
מ י ר קענען קיין אָרדענונג ניט געפינען, צוליעב דער
פֿינסטערניס.
20 דאַרף מען איהם (גאָט) דען דערצעהלען, וואָס איך
רייד? ווען אַ מענש זאָגט עפּעס איז עס דען פֿאַר־
הוילען?
21 אָט נאָר־וואָס האָט מען דאָס העלע ליכט פֿון די הימלען
ניט געזעהן און שוין איז אַ ווינד דורכגעגאַנגען און
האָט זיי אויסגעלייטערט.
22 פֿון צפון קומט דאָס גאָלדענע ליכט; אַ מורא'דיגער
גלאַנץ איז אַרום גאָט. —

23 דעם אלמעכטיגען קענען מיר ניט געפינען, ער איז
גרויס אין מאכט און גערעכטיגקייט און אין גוטס־
קייט, ער אונטערדריקט (קיינעם) ניט.
24 דאריבער האבען מענשען מורא פאר איהם, ער קוקט
זיך ניט אום, אפילו אויף די קלוגע.

קאפיטעל ל"ח.

1 און גאט האט געענטפערט איוב'ן פון א שטורעם־ווינד
און האט געזאגט:
2 ווער פארטונקעלט עס מיינע פלענער מיט ווערטער אהן
פארשטאנד?
3 גורט אן ווי א מאן דיינע לענדען, איך וועל דיך פרעגען
און דו גיב מיר צו פארשטעהן.
4 וואו ביסטו געוועזן ווען איך האב די ערד געגרינדעט?
זאג, אויב דו האסט פארשטאנד.
5 ווער האט געמאכט איהרע מאסען, צי ווייסטו עס?
ווער האט אויף איהר א מעסט־שנור געצויגען?
6 אויף וואס זיינען איהרע פונדאמענטען געשטעלט
געווארען? ווער האט איהר ווינקעלשטיין געלעגט?
7 דאן ווען אלע שטערען פון מארגען האבען צוזאמען
געזונגען, און געשריען פון פרייד האבען אלע קינדער
פון גאט?
8 ווען ער האט מיט טהירען פארשפארט דעם ים, דאן
ווען ער האט זיך צוערשט פון זיין געבערמוטער
ארויסגערוקט?

9 ווען איך האָב פון וואָלקענס פאַר איהם אַ קלייד געמאַכט, און וויקעל־שנורען — פון דעם נעבעל ?

10 ווען איך האָב פאַר איהם אַ גרענעץ באַשטימט און ריגלען און טהירען ארויפגעלעגט (אויף איהם) ?

11 ווען איך האָב געזאָגט : ביז דאַנען זאָלסטו קומען און ווייטער זאָלסטו ניט געהן, דאָ זאָל זיך פאַרהאַלטען דער שטאָלץ פון דיינע וועלען ?

12 האָסטו דען אין דיינע טעג דעם מאָרגען באַפויהלען, האָסטו דער מאָרגענרויטקייט אָנגעוויזען איהר פלאַץ ?

13 אָדער אָנגענומען די ווינקלען פון דער ערד אום די פאַרדאָרבענע זאָלען פון איהר אָרונטערגעטרייסעלט ווערען ?

14 זי ענדערט זיך אַזוי ווי זיגעל־וואַקס און אַלצדינג ווערט ווי ניי באַקליידט.

15 און פון די פאַרברעכער ווערט זייער ליכט אַוועקגענומען, און דער מעכטיגער אָרעם ווערט צובראָכען.

16 ביזט דו צו די קוואַלען פון ים געקומען, האָסטו אויף דעם דעק פון ים שפּאַציערט ?

17 זיינען פאַר דיר די טויערען פון טויט אַנטפּלעקט געוואָרען ? — האָסט דו די שאָטענס פון טויט אָנגעקוקט ? —

18 האָסטו באַגריפען די ברייטע רוימען פון דער ערד ? — זאָג, איוב, דו ווייסט דאָס אַלעס.

19 וואו איז דער וועג (צו דעם אָרט) וואו די ליכטיגקייט וואוהנט? וואו איז פון פינסטערניס דער פּלאַץ?

20 קענסטו זי ברינגען צו איהר גרענעץ, ווייסטו די שטעג־גען (וואָס פיהרען) צו איהר הויז?

21 געוויס ווייסטו עס ווייל דו ביסט דאַן שוין געבאָרען געוועזען, און די צאָהל פון דיינע טעג איז (אַזוי) גרויס! —

22 ביסטו צו די שפּייכלערס פון שנעע געקומען, האָסטו די מאַגאַזינען פון האָגעל געזעהן,

23 וואָס איך האָב באַהאַלטען פאַר אַ צייט פון נויט, פאַר דעם טאָג פון קאַמפּף און שלאַכט? —

24 וואו איז דער וועג אויף וועלכען עס טהיילט זיך אָפּ דאָס ליכט? און ס׳צושפּרייט זיך דער מזרח־ווינד איבער דער ערד?

25 ווער האָט געשניטען אַ קאַנאַל פאַר דעם שטראָם? און אַ וועג פאַר דעם דונער־בליץ?

26 צו ברינגען רעגען אויף אַ לאַנד וואו עס איז קיין מענש ניטאָ, אויף אַ וויסטע וואו קיין ערדענזוהן איז ניט פאַראַנען?

27 צו זעטיגען אַ מדבר און אַ וויסטענים און צו מאַכען וואַקסען די שפּראָצונג פון גראָז?

28 האָט דען דער רעגען אַ פאָטער? און ווער האָט געבאָרען די טראָפּענס פון דעם טהוי?

29 פון וועמענ'ס בויך איז דאָס אײַז אַרויס? דער פראָסט פון הימעל ווער האָט איהם געהאָט?

30 (ווען) די וואַסערען בעהאַלטען זיך ווי אונטער אַ שטיין (־דעק), און דאָס געזיכט פון דעם תהום ווערט

קענסטו די לייצעס פון דעם אָריאָן לויזמאַכען?

31 קענסטו בינדען די שטריק פון די זיבען שטערען? קענסטו די לייצעס פון דעם אָריאָן לויזמאַכען?

32 קענסטו די (צוועלף) מזלות אַרויסברינגען אין דער צייט? קענסטו אַרויספיהרען דעם בער (־שטערען) מיט זיינע קינדער?

33 ווייסטו די געזעצען פון די הימלען? קענסטו אויף דער ערד אָרדענונג מאַכען?

34 קענסטו צו דעם וואָלקען דיין שטים אויפהייבען און אַ פלייצונג פון וואַסער זאָל דיך באַדעקען? —

35 קענסטו די בליצען אַרויסשיקען און זיי זאָלען געהן, און זיי זאָלען דיר זאָגען: אָט זיינען מיר? —

36 ווער האָט קלוגהייט אַריינגעטהאָן אין (דעם מענ־שענ'ס) ניערען? און ווער האָט דעם זינען געגעבען פאַרשטאַנד? —

37 ווער האָט מיט קלוגשאַפט די הימלען ווי סאַפיר (בלאָ) געפאָרבען? ווער ליידיגט אויס די וואַסער לאָגלען פון הימעל,

38 דאַן ווען דער שטויב איז פעסט צוזאַמענגעקנאָטען, און די שטיקער ערד ווערען באַהעפט? —

39 קענסטו פאַר דער לעווין רויב פאַנגען? קענסטו נאָה־רונג פאַר די יונגע לייבען צושטעלען,
40 דאַן ווען זיי ליגען צונויפגעבויגען אין זייערע נאָרעס, ווען זיי זיצען לויערנדיג אין (זייער צווייג־) געצעלט? —
41 ווער גרייט אָן דער ראָב איהר שפּייז, ווען איהרע קינדער שרייען צו גאָט און בלאָנדזשען אָהן נאַהרונג? —

קאַפּיטעל לט.

1 ווייסטו ווען די באַרג־ציגען געבערען? פּאַסטו אויף די צייט ווען די הירשין געהט צו קינד?
2 צעהלסטו ביז זיי האָבען זייערע מאָנאַטען פול, און ווייסטו די צייט פון זייער געווינען?
3 זיי קניען אַרונטער, זיי וואַרפען אַרויס זייערע יונגע און באַפרייען זיך פון זייערע וועהען.
4 זייער קינדער זיינען געזונד און וואַקסען אויף אויפ׳ן פרייען פעלד; זיי געהען אַוועק און קעהרען זיך ניט מעהר אום צוריק.
5 ווער האָט דעם ווילדען עזעל פריי אַרויסגעלאָזען? די פּענטעס פון דעם וואַלדעזעל ווער האָט אָפּגעבונדען?
6 וואָס דאָס ווילדע...

8 דאָס וואָס ער געפינט אויף די בערג איז זיין פּאַשע, ער
זוכט נאָך יעדע שטיקעל גראָז. —

9 וועט דען דער בופעל־אָקס דיר וועלען דינען? וועט
ער ביי דיין קאָרעטע איבערנעכטיגען?

10 קענסטו צובינדען דעם בופעל־אָקס צו דער אַקער מיט
אַ שטריק? וועט ער צובראָנעווען די טהאָלען הינטער
דיר?

11 קענסטו זיך אויף איהם פאַרטרויען ווייל ער איז
שטאַרק, קענסטו אויף איהם דיין האָרעוואַניע
איבערלאָזען? —

12 קענסטו איהם אָנטרויען אַז ער וועט דיינע קערנער
אַריינברינגען און וועט דיינע תבואה איינזאַמלען?

13 (האָסטו געמאַכט) דאָס פרעהליכע פליגעל פון דער
שטרויס־פויגעל? די פליגלען און די פעדערען פון
דעם שטאָרך?

14 זי (די שטרויס־פויגעל) לאָזט אויף דער ערד איהרע
אייער און וואַרעמט זיי אין שטויב,

15 און פאַרגעסט אַז א פוס קען זיי צוקוועטשען און אַ
חיה פון פעלד קען זיי צודריקען.

16 ער האָט זי גרויזאַם געמאַכט קעגען איהרע קינדער
אַזוי ווי זיי וואָלטען זיין ניט איהרע. אומזיסט איז
איהר מיה, און (זי האָט) קיין שרעק ניט.

17 דען גאָט האָט זי אויסגעלאָזען (ביי דער פאַרשענקונג

פון חכמה, ער האָט איהר קיין פאַרשטאַנד ניט איינ־
געטהיילט.

18 ווען זי שטעלט זיך אויף צו דער הויך, לאַכט זי פון
פערד און פון זיין רייטער. —

19 גיסטו דעם פערד שטאַרקייט? טהוסטו אָן אַ גריווע
אויף זיין האַלז?

20 מאַכסט דו איהם שפרינגען ווי אַ היישעריק? דער
שטאָלץ פון זיינע נאָזלעכער ווארפט אַ שרעק.

21 ער גראַבט דעם טהאָל (מיט זיינע קאָפּיטעס), ער
פרעהט זיך מיט זיין מאַכט, ער געהט אַרויס אַקעגען
דעם וואָפען.

22 ער לאַכט זיך אויס פון מורא און ווערט ניט דערשראָ־
קען, ער טרעט ניט פאַר'ן שווערד צוריק.

23 עס רוישען איהם אַנטקעגען דער בייטעל פון די
פיילען, די קלינגען פון שפיז און פון פיקע.

24 מיט ליאַרעם און מיט אונגעדולד גריבעלט ער די
די ערד, ער קען ניט איינשטעהן צוליעב דעם קלאַנג
פון טראָמפּייט.

25 ער לאָזט אַרויס אַ פרייד־געשריי אַקעגען דעם טראָמ־
פייט, ער שמעקט פון דער וויטען די שלאַכט, און
דער ליאַרעם און דאָס שאַלען פון די קריגסלייט. —

26 פליהט צוליעב דיין קלוגהייט דער פאַלקען־פויגעל,
און שפרייט קעגען דרום זיינע פליגלען? —

27 הויבט זיך אויף ד י י ן באַפעהל דער אָדלער אויף,
און בויט אַ נעסט זיך אין דער הויך ?
28 אויף אַ הויכען שטיין רוהט ער און וואָוהנט, אויף אַ
שפּיץ פעלז און אויף אַ באַרג־טהורעם.
29 פון דאָרטען זוכט ער זיין שפּייז, פון ווייטען קוקען
זיינע אויגען.
30 און זיינע יונגע זופּען בלוט, און וואו די געטויטע ליגען
דאָרט איז ער פאַראַן.

קאַפּיטעל מ.

1 און גאָט האָט איוב׳ן געענטפערט און האָט געזאָגט :
2 צי דער וואָס קריגט זיך מיט גאָט וויל א י ה ם מוסר׳ן ?
דער וואָס וכוח׳ט זיך מיט גאָט זאָל עס ענטפערען.
3 און איוב האָט געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט :
4 איך האָב אַ ווינציגען באַטרעף. וואָס זאָל איך דיר ענט־
פערען ? איך האָב אַרויפגעלעגט מיין האַנד אויף מיין
מויל.
5 איין מאָל האָב איך גערעדט, אָבער איך וועל ניט מעהר
ענטפערען, יא צוויי מאָל, אָבער איך וועל עס מעהר
ניט טהאָן. —
6 און גאָט האָט איוב׳ן געענטפערט פון דעם שטורעם־
ווינד און האָט געזאָגט :
7 גורט אָן ווי אַ מאַן דיינע לענדען, איך וועל דיך פרעגען
און דו זאָלסט מיר ערקלערען.

8 ווילסטו פארניכטען מיין באשלום? ווילסטו מיך באַ־
שולדיגען כדי דו זאָלסט בלייבען ריין? —

9 אויב דו האָסט דעם אָרעם פון גאָט און מיט זיין שטים
קענסטו דונערען —

10 טהו זיך אָן מיט שטאָלץ און ערהאַבענהייט, מיט
פראַכט און מיט גלאַנץ זאָלסטו זיך באַקליידען,

11 און פאַרשפרייט די וואוטה פון דיין צאָרען, זעה יעדען
וועלכער האלט זיך גרויס און דערנידער איהם.

12 זעה יעדען וואָס האַלט זיך גרויס און בייג איהם
אַרונטער, צושטויס די פאַרברעכער אויף זייער אָרט.

13 באהאַלט זיי צוזאַמען אין שטויב, פאַרהיל זייער
געזיכט אין פאַרבאָרגענים.

14 און איך וועל דיך אויך לויבען, ווען דיין רעכטע האַנד
וועט דיך בייזטעהן. —

15 אָט איז דאָס וואסער פערד וואָס איך האָב באַשאַפען
נעבען דיר, ער עסט גראָז אזוי ווי אַ רינד.

16 ער האָט מאַכט אין זיינע לענדען און קראַפט אין די
מוסקעלען פון זיין בויך.

17 ער באַוועגט זיין עק אזוי ווי אַ צעדערבוים, די אָדע־
רען פון זיינע פאַלקעס זיינען ווי צווייגען גע־
פלאָכטען.

18 זיינע ביינער זיינען רעהרען פון קופער, זיינע
קנאָכענס — ווי אייזערנע שטאַנגען.

19 ער איז דער פּער פון גאָט׳ס ווערק, בלויז זיין באַשע־פער קען (איהם) דערגרייכען (מיט) זיין שווערד.

20 עס טראָגען איהם פּרוכט די בערג דאָרט וואו עס שפּיעלען זיך אַלע חיות פון פעלד.

21 אונטער שאָטענדיגע בוימען ליגט ער אין דעם באַ־העלטענים פון וואַסערשטעקלעך און פון זומפּ.

22 די בוימען באַדעקען איהם מיט אַ שאָטען, איהם רינג־לען אַרום די ריטער פון טייך.

23 ער רויבט דעם טייך און איילט זיך ניט, ער שרעקט זיך ניט ווען ער ציהט אַ ירדן אריין אין זיין מויל.

24 קען איהם ווער פאַנגען פאַר זיינע אויגען? צי דורך אַ פּאַסטקע איהם די נאָז דורכלעכערען? —

25 קענסטו דעם וואַלפיש אַרויפציהען מיט אַ ווענדע? צי מיט אַ שטריק אַרונטערשלעפּען זיין צונג?

26 קענסטו אַ ראָהר איהם אַריינשטעקען אין נאָז? צי מיט אַ דאָרען זיינע באַקען דורכבויערען?

27 צי וועט ער זיך לאַנג בעטען ביי דיר? צי וועט ער ווייך ריידען צו דיר?

28 צי וועט ער אַ בונד מיט דיר שליסען? און דו וועסט איהם נעהמען פאַר דיין אייביגען שקלאַף?

29 צי וועסטו מיט איהם ווי מיט אַ פויגעל שפּיעלען און וועסט איהם אַנבינדען פאַר דיינע מיידלעך (צום שפּאַס)?

30 צי וועלען די פישפאַנגער פון איהם אַ מאָהלצייט

מאכען? צי וועלען זיי איהם צווישען די קויפלייט פארטהיילען? —

31 צי וועסטו מיט שפיציגע וואפענס אנפילען זיין הויט און מיט פישער־שפיזען — זיין קאפ?

32 פרוביר לעג ארויף דיין האנד אויף איהם. דערמאן זיך אן דעם קאמפף און דו וועסט עס מעהר ניט טהאן.

קאפיטעל מא.

1 זיין האפענונג ווערט דאך צו גאר נישט, שוין פון זיין אנבליק אליין, ווערט ער אנידערגעשליידערט.

2 עס איז ניטא איינער וואס איז אזוי מוטהיג און זאל וואגען א י ה ם אויפצורייצען — היינט ווער־זשע וועט זיך שטעלען קעגען מ י ך? —

3 ווער עס איז מיר אנטקעגען געקומען דעם וועל איך באצאהלען. אלצדינג וואס איז אונטער די הימלען געהערט דאך צו מיר. —

4 איך וועל ניט פארשווייגען (די שילדערונג פון) זיינע גליעדער, זיין שטארקייט און זיין שען געביי.

5 ווער האט אפגעדעקט די פאדערזייט פון זיין קלייד? ווער קען ארייגדרינגען צווישען זיין דאפעל־געבים (פון צייהנער)?

6 ווער קען אויפמאכען די טהירען פון זיין געזיכט? ארום זיינע צייהנער (הערשט) א גרויל.

7 פרעכטיג זיינען די שטארקע פאנצער־שופען, צוזאמענגעשלאסען אזוי ווי מיט א פעסטען זיגעל.

8 איינס ריהרט אָן דעם צווייטען, קיין אָטהעם קען צווי־
שען זיי ניט דורכגעהן.

9 אײנער אָן דעם צווייטען איז באהעפט, צוזאמענגעקלא־
מערט פעסט און זיי קענען זיך ניט פאנאנדער־
טרענען.

10 פון זיין ניעסען שימערט ארוים א ליכט, זיינע אויגען
זיינען ווי די ברעמען פון מאָרגען.

11 פלאקערנדע פאקעלען געהען ארוים פון זיין מויל,
פונקען פליהען פון איהם.

12 פון זיינע נאָזלעכער געהט א רויך, אזוי ווי פון א טאָפּ
אָדער א קעסעל וואָס קאָכט.

13 זיין אָטהעם גליהט ווי קויהלען, און א פלאם שיסט
ארוים פון זיין מויל.

14 אין זיין נאקען ליגט מאכט, און איהם פאָראוים
טאנצט דער שרעק.

15 די פלאָסטען פון זיין לייב זיינען ענג צוזאמענגע־
קלעפּט, אויסגעגאָסען ווי מעטאל אויף איהם,
אונבאוועגליך.

16 פעסט ווי א שטיין איז זיין הערץ, פעסט ווי א'ן אונ־
טערסטער מיהל־שטיין.

17 פון זיין גרויסקייט ווערען די מעכטיגע צושראָקען;
און פון אנגסטען פארשווינדען זיי.

18 ווען אימיצער זאָל איהם אָניאָגען וואָלט קיין שווערד

ניט אויסהאַלטען, און קיין שפּיעז און קיין פייל און
קיין פּאַנצער.

19 אייזען איז ביי איהם ווי שטרוי פאַררעכענט, און
קופּער — ווי האָלץ וואָס איז פאַרפוילט.

20 די פייל פון בויגען וועט איהם ניט פאַריאָגען, און
שליידער־שטיינער ווערען ביי איהם אין שפּריי פאַר־
וואַנדעלט.

21 גלייך ווי אַ שטרוי איז דער פלאָקען, ער לאַכט פון דעם
שוואונג פון דעם שפּיעז.

22 אונטער איהם ליגען שאַרפע שערבלעך, ער בעט זיך
אוים אויף שפּיציגע (שטיינער) ווי אויף לעהם.

23 ער צוקאָכט די טיעפעניסען ווי אַ טאָפּ, ער מאַכט
דעם ים זידען ווי אַ היים געקעכטס.

24 הינטער איהם לאָזט ער אַ ליכטיג־ווייסען שטעג (אַזוי
אַז) מע מיינט אַז דער ים איז גראָ.

25 עס איז ניטאָ אויף דער וועלט זיין גלייכען, אונער־
שראָקען (אַזוי ווי ער).

26 ער קוקט מיט פאַראַכטונג אויף אַלע הויכע זאַכען, ער
איז דער קיניג פון אַלע ווילדע טהיערען.

קאַפּיטעל מב.

1 און איוב האָט געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט :

2 איך וויים אַז דו קענסט אַלץ טהאָן, קיין באַשלוס דיינער
קען ניט אָבגעהאַלטען ווערען.

3 ווער איז דער וואָס פאַרדונקעלט (דיין) פּלאַן, אָהן
פאַרשטאַנד? דאַריבער האָב איך געזאָגט: איך באַ־
גרייף (עס) ניט, דאָס זיינען וואונדער פאַר מיך, און
איך פאַרשטעה (זיי) ניט.
4 הער נאָר צו און איך וועל ריידען; איך וועל דיך פרעגען
און דו ערקלער מיר.
5 (בלויז) מיט דעם געהער פון אויער האָב איך דיך געהאַט
געהערט, און איצט האָט (אויך) מיין אויג דיך
געזעהן.
6 דאַריבער ווארף איך אַוועק פון זיך (די פריהערדיגע
ווערטער) און האָב חרטה; דען איך בין בלויז שטויב
און אַש.
7 און עס איז געשעהן נאָך דעם ווי גאָט האָט גערעדט
די דאָזיגע ווערטער צו איוב'ן, אַז גאָט האָט געזאָגט
צו אליפז דעם תימני: מיין צאָרען ברענט אויף דיר
און אויף דיינע צוויי פריינד וואָס איהר האָט צו מיר
ניט גערעדט אַזוי ווי עס געהער צו זיין, אַזוי ווי מיין
קנעכט איוב.
8 און איצט נעהמט זיבען שטיערען און זיבען בעק און
געהט צו מיין קנעכט איוב'ן און איהר זאָלט זיי
אויפברינגען אַלס בראַנדאָפּפער פאַר אייך; און מיין
קנעכט איוב וועט תפלה טהאָן פאַר אייך; דען בלויז
איהם אַליין וועל איך לייטזעליגען אום ניט צו
טהאָן אייך קיין שלעכטס פאַר וואָס איהר האָט צו

מיר ניט גערעדט, ווי ס׳געהער צו זיין, אַזוי ווי מיין קנעכט איוב.

9 און עס זיינען געגאַנגען אליפז דער תימני און בלדד דער שוחי און צופר דער נעמתי און האָבען געטהאָן ווי גאָט האָט צו זיי גערעדט און גאָט האָט באַגנאַ־דיגט איוב׳ן.

10 און גאָט האָט צוריקגעבראַכט איוב׳ן צו זיין אַמאָלי־גען שטאַנד, ווען ער האָט געבעטען פאַר זיינע פריינד. און גאָט האָט פאַרמעהרט אַלצדינג וואָס איוב האָט אַמאָל געהאַט דאָפּעלט.

11 און עס זיינען געקומען אַלע זיינע ברידער און זיינע אַלע שוועסטער און די וואָס האָבען איהם געקענט פון אַמאָל און זיי האָבען מיט איהם געגעסען ברויט אין זיין הויז און זיי האָבען איהם באַדויערט און זיי האָבען איהם געטרייסט אויף דאָס אונגליק וואָס גאָט האָט אויף איהם געבראַכט און זיי האָבען איהם געגעבען איטליכער אַ קשיטה (געלד שטיק) און איטליכער אַ נאָז־רינג פון גאָלד.

12 און גאָט האָט געבענשט דאָס ענד פון איוב׳ן נאָך מעהר ווי זיין אָנהויב און ער האָט פאַרמאָגט פער־צעהן טויזענד שעפּסען און זעקס טויזענד קעמלען און טויזענד פּאָאר רינדער און טויזענד עזעלינען.

13 און ער האָט געהאַט זיבען זיהן און דריי טעכטער.

14 און ער האָט גערופען דעם נאָמען פון איינער ימימה

און דעם נאָמען פון דער צווייטער קציעה און דעם
נאָמען פון דער דריטער, קרן הפוך.
15 און עס זיינען ניט געפונען געוואָרען אַזעלכע שענע
פרויענצימער ווי די טעכטער פון איוב'ן אין דעם
גאַנצען לאַנד, און זייער פאָטער האָט זיי געגעבען
אַ טהייל ירושה צווישען זייערע ברידער.
16 און איוב האָט געלעבט נאָך דעם, הונדערט און פערציג
יאָהר און ער האָט געזעהן זיינע קינדער און זיינע
קינד'ס קינדער (ביז) פיער דורות.
17 און איוב איז געשטאָרבען אַלט און זאַט מיט טעג.